STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04769

ARIEL IN DER ALTER HEYM

Israel Ch. Biletzky

Permanent preservation of this book was made possible
by Robert & Luba Staller
in memory of
Joseph & Sonia Staller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ח. בילעצקי

אריאל אין דער אלטער היים

פאָעמע

ה. לייוויק-פאַרלאַג
בײַם פאַראיין פון ייִדישע שרײַבער
און זשורנאַליסטן אין ישׂראל

תשמ״א 1981

י. ח. בילעצקי

אַריאל אין דער אַלטער היים

J. CH. BILETZKI

ARIEL IN DER ALTER HEIM

Printed in Israel 1981

©

נדפס בישראל, תשמ"א

דפוס „אור" בע"מ, שד' הר־ציון 104, טל.: 822481, תל־אביב, ישראל

אַ דאַנק אומפאַרגעסלעכע פריינדשאַפט
מיטן וואָרט קינסטלער אליהו גאָלדענבערג ז״ל,
האָט סובסידירט די אויסגאַבע ש. בן־שמעון
און לויט זיין בקשה איז די פּאָעמע געווידמעט
דעם ליכטיקן זכרון פון אליהו גאָלדענבערג ז״ל.

י. ח. ב.

צו אַריאלן קומען מיט געדענקשאַפט, זכרון.
די מתים פון שטעטל מיט פאַרשניטענע יאָרן.

זיי קומען, זיי בעטן אַ פּאָעמע, אַ שיר:
עפן דיין תהילים מיט דיין מזמור שיר.

קריץ אויס אַ מצבה, דו שומר, דו היטער.
פאַרשרייב נאָר די דאַטע פון יענעם געוויטער.

פאַרשרייב אַז געשוויגן האָט גאָט אין דער בריאה,
פאַרשרייב אַז מיט בלוט איז פאַרזייט דאָ די זריעה.

זיי קומען. זיי בעטן: אין חלל פון צייט,
נאָענט אונדזער טראָט, די עקדה ניט ווייט.

אָט שטייט דער מזבח. דער חלף. דער קרבן.
ער לעבט אין זכרון. ער איז ניט געשטאָרבן.

פאַרשרייב ווי אַ סערף האָט געשניטן דעם זאַנג.
אויף דער פייער־פּלאַנעטע: אונטערגאַנג.

אַריאל פאַרשרייב. די מענטשן. די זאַכן.
דו ביסט דער שומר. דאַרפסט היטן. דאַרפסט וואַכן.

אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט מישט אַריאל באַזונדער.
אַ ייד איז געקנאָטן פון נס און פון וווּנדער.

די מצבה — אַ ספר פון איין עקסעמפּלאַר.
האַק אויס אין איר שטיין, דיין ווי און דיין צער.

פון בראשית הייב אָן, פון קליינינקן חדר,
אַן אות נאָך אַן אות, אַזוי אַ כסדר.

אַריאל פאַרשרייב. עס לעשן זיך שטערן.
די מצבה איז נאָס פון בראָך און פון טרערן.

אין די בלעטער עטעמען לעבעדיקע מתים.
אַריאל אין דער אַלטער היים שטעמפּלט מיט זיין חותם:

ישראל־חיים בילעצקי פון קאָברין.

א.

דאָס ליד ווישט אָפּ דעם שטויב פון זכרון.
אונטערן שטויב
ליגן יאָרן
אין פינצטערנישן און ליכטענישן.
דער כביכול איז דער בורא אור ויוצר חושך.
ווּ די גרענעצן? די תחומים?
אַ מאָל איז געקומען
דער שטן
און האָט שטנדיק געמורמלט: העלפט אויף העלפט.
(מ'זאָגט, אַז דער טייוול ווען ער זעט צופיל ליכט
איז אים געראָטן
פון אַלע תהומות אויפזאַמלען שטיקער חושך).
קומט דאָס ליד און זאָגט:
לייז אויס פון דיינע טיפע היילן דאָס ליכט.
זע: געשטאַלטן. געזיכטער.
צינד אָן די זיבן ליכטער
פון דיין נעכטן.
מייד אויס דעם שטן. אין רשות היחיד און רשות הרבים
מייד אויס די נחשים און עקרבים.
זע דאָס ליכט:
דיין טאַטנס סידור.
דיין מאַמעס אויגן.
דעם עיגול
פון די קינדער
און דעם שפּיגל
פון דיינע גוטע טעג און נעכט.

מייד אויס דעם שטן,
בוי די פּיראַמידן
פון שיינע ייִדן.
בוי דיין היכל
פון ליכט און שמייכל.
אויף די סטרונעס פון די לירעס
שפּיל אויס דיין כבוד און עשירות.
האַק אויס אין ווייסן מירמלשטיין
דיין פרייד און דיין געוויין.
אין דיין טיפן בגרות, שפּעטער,
וועסטו פאַרשטיין די שיינקייט פון דיין טאַטנס טלית,
די עטרה און דעם כתר.

רוישן רוישט דער וואַלד פון זכרונות.
פון חלומות.
די פייגלען אויף אַלע צווייגן באַגלייטן היינט דיין אות.
פאַרשרייב: מיט צער און מיט פאַרדראָס.

ב.

פון אַ וועלט מיט וווּנדער. פון קינדערשע טריט.
פון וואַרעמע אויגן. פון אָפענע פענצטער.
פון ערשטן טאָג אין אַריאלס לעבן גליט
אַ פייער.
ער, דער קלענסטער
צווישן זיינע ברידער, מיט אַ כתונת פּסים:

מיט זיך אַליין. מיט אַלעמען אין גאַסן.
געוואַרט אויפן שענסטן טאָג פון זיין לעבן.

וואָס איז פון אַריאלס וועלטן היינט פאַרבליבן?
וואָס האָט ער געזאַמלט אויף די פעלדער?
צו זיין אַליינקייט ווער האָט אים געטריבן?
צו די סטעזשקעס, וועגן און צו וועלדער,
ווער דעם ניגון זיינעם האָט פאַרשריבן?
צו זיין שטאַמלען און צו זיינע קלאָרע ווערטער,
ווער האָט צוגעלייגט אַן אויער אין פאַרנאַכטן?
צו וועמען געהערט ער
אַריאל ווען מ׳זעט אים אויף די ראַנדן פון די שקיעות אַ פאַרטראַכטן?

ווען איר זעט אַריאלן ביחידות און אויף מערק,
אין שטומקייט און געשריי,
שפּרינגען איבער אָפּגרונטן, קלעטערן אויף בערג,
אין פרילינג, צי אין ווינטער־שניי־קן־געדריי, —
וואָס זאָגט איר צו זיין גאַנג בלחש און אין רויש,
ווען ער טראָגט אין קויש
די פרוכטן פון פאַרזיי?
וואָס זאָגט איר, אָ, גאָט באַהיט,
ווען פאַרשטרויכלט זיינע טריט,
ווען עס פּלאַצט אַ סטרונע אָט סתם אַזוי, אין מיטן שפּילן,
און די פידל פאַלט אַרויס פון זיינע הענט;
דאַן אין בייטן־מחשבות און געפילן
פאַרזייט דער ווינט און וואַרפט אַריין אין גרוב
בענקשאַפטן נאָך היים, נאָך שטוב,
נאָך מאַמע־אויגן און טאַטעס־וואָרט — —
וואָס טראַכט איר דאַן פון אַריאלס ציגיינערישע בויד

ווּ דער הונגער בענקט נאָך חלום,
נאָך קוואַל, און ניגון פון דעם בעסטן סאָרט ?
זאָגט דעם אמת, זאָגט. אויב ניט — לאָזט מיר אייך דערציילן
פון אַריאלס טאַלן, בערג און היילן.
צום סוף —
וועט איר אַריינברומקען פאַרטראַכט :
ווייסיכוואָס —
דאָס איז אַריאלס טאָג און נאַכט ?
איז לאָמיר אייך דערציילן.

ג.

אָ, גוט און וויל איז
יענעם,
וועלכער הערט די קולות
פון זיין קינדהייט.
פרעגט אַריאלן און ער וועט דערציילן פון אַ גערטנדל מיט בלומען,
פון בינעלעך וואָס זשומען,
פון שפּינוועבס אין די ווינקלען פון סופיט.
פון אַלץ וואָס צייטיקט, בליט
אין שכנס סאָד.
פון אַ ווייסן שניי און אַ חשוונדיקן רעגן
פון ביימער וועלכע שמעקן און פאַרפירן דיך צום שטעכעדיקן גדר
מיינסטו, אַז אַ יעדער
קען דערציילן און געדענקען וואָס דער זכרון האָט פאַרטרויט
דעם קליינינקן אַריאל ?

אַזאַ איז ער געווען: געבויט אַ חלום
ווי יעקבס לייטער — ביז די הימלען איז ער
ווייט פאַרקראָכן.
אויף די סטעזשקעס פון זיין היים, אין די בגרותדיקע יאָרן
גייט ער,
ווי ערשט נעכטן איז ער דאָרט געווען. פאַרשטאָכן
איז אַריאל מיט זכרונות, מ'יטן אלף, בית און גימל,
ווען ער האָט געשריבן ערשטע קרומע שורות אויף אַ שטול
דאָרט נאָענט צום הימל.
אַוועק צו פעלדער, צו פולע זאַנגען
און אויפגעקליבן קלאַנגען
פון אַרום און פאַרשטעקט זיי טיף אין זיינע טעג און נעכט.
אין די רייפע יאָרן שטעכט
אַ ניגון, ווי אַ שפיזל, אַ ניגון פון זיין אלף, בית,
קאָכעדיק, צאַפּלדיק און גרויס.
אָט ממש, ווי נעכטן, האָט זיין מאַמע אים געזאָגט:
אַריאלקע, דו פאַרמאָגסט
אַן אוצר,
דו טראָגסט אַ ניגון אין דיין האַרץ.
דאָס האַרץ האָט אַריאלן פאַרקלעמט.
געשטאַנען לעם דער טיר פאַרשעמט,
געקוקט אויפן בוים, אויף דער מאַמעס פנים
און דערפילט — ערשטע סימנים
פון זיין וואָרט.

ווער האָט אין אַריאלס האַרץ צונויפגעפאָרט
ערד און הימל?
זיין מאַמעס וואָרט:
דו טראָגסט אַ ניגון אין דיין האַרץ.

ד.

„אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד"
די טייטל
פון דעם רבין פירט אים אין אַ וואונדער וועלט.
איז באַשערט
אַ יידיש קינד, אָפן, ניט פאַרשטעלט
אַריינקריכן אין אָנהייב פון דער בריאה
שוין ביים פערטן יאָר פון זיין געבורט.
„און די ערד איז געווען וויסט און ליידיק".
דער רבי שווייגט ניט.
זיין טייטל איז באַרעדעוודיק. ריידיק.
אַריאלס אייגעלעך פאַרקוקן זיך אין וויטן.
ער זעט:
פון מרחקים קומט צורייטן
אַ רייטער אויף אַ פערד און ווערט פאַרפאַלן אין דעם ווייטן טאָג.
און דער רבי — :
אַריאלקע, נו, זאָג
ווו האַלט מען דאָ?.
דעם רבינס טייטל — ווי אַ שוואַרצע קראָ
קראָקעט אויף די בלעטער פון דעם גרויסן חומש.
אַריאל ווייס ניט ווו מען האַלט דאָ, ער זעט דעם רייטער
אויפן פערד,
ער מורמלט שטיל:
„אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד",
ער זעט ניט מער.
אָנהייבן. ערד.
אַ טרער

קייקלט זיך אַראָפּ און דער רבי פּאָרט שוין ווייטער:
(אַריאל זעט ניט מער דעם רייטער)
„און פינצטערניש איז געווען אויפן געזיכט
פון תהום,
און דער גייסט פון גאָט האָט געשוועבט אויפן געזיכט פון די וואַסערן”

אַזוי האָט אָנגעהויבן ברענען אַריאלס ליכט.
אַזוי האָט אָנגעהויבן פליסן אַריאלס שטראָם.
האָט ער אויך געזאָגט: זאָל ווערן ליכט.
דער רבי האָט פאַרריכט
אַריאלס שטאַמלען: און עס איז געוואָרן ליכט.
דעם רבינס טייטל האָט מיט גאווה אויף די בלעטער גערוט:
„און גאָט האָט געזען דאָס ליכט אַז עס איז גוט”.
אויך אַריאל האָט געזען — —
פיר יאָר איז אַריאל אַלט געווען ווען ער האָט זיך
מיט גאָט און בראשית געטראָפן
(אין די בגרות יאָרן האָט ער געזוכט דעם סוד פון אַלע סופן)
אויפן רבינס טייטל ביים ערשטן פסוק
איז אַריאל איינגעשלאָפן.

ה.

די פּייערדיקע אותיות וואָס אַריאל האָט געלערנט:
״שויתי ה׳ לנגדי תמיד״
נישט פאַרשטאַנען געווי
דעם מיין.

נאָר געטרויט
האָט אַריאל זיין טאַטנס געוויין,
איינגעוויקלט אין טלית אַנטקעגן „שויתי״
און געכליפעט מיט זיסע —
געזאַלצענע טרערן אויף די תפילות פון אַ יום־כפורדיקן מחזור.
היינט מעג שוין אַריאל דערציילן,
אַז פון די ערשטע יאָרן פון זיין לעבן,
שאַרט ער קוילן
פון די פייערדיקע ווערטער: „שויתי ה׳ לנגדי תמיד״.
די ווערטער זענען אַריין אין זיינע טיפע היילן.
ווי אַ גייער אַין אַ וואַלד
באַהאַלט
ער אויס דעם צאַפּל פון יענע קינדערישע יאָרן.
ווי טויבן
פלאַטערן אַרום דעם טויבנשלאַק,
אַזוי פלאַטערן די ספקות אין זיין גלויבן.
די ווערטער האָבן אים געפאַנגען.
זיי גייען נאָך די טריט מיט גאווה און הכנעה,
מיט פיין, הנאה
און יסורים. זיי שטרעקן זייער האַלדז ווי זאַנגען
צו דעם סערפּ. בעטן זיך אויף זייער לעבן.
אויף אַריאלס ערד
אין די בגרותדיקע יאָרן,
גייט אום נאָך דער זכרון
פון יענעם קינדערישן ציטער. ער הערט
די קולות היינט אין זיין מעריב־שעה,
ווען דער עמוד איז נישטאָ
און דער „שויתי״ איז פאַרשוועקט געוואָרן אויף דער וועלט,
ווי אַ מבול האָט פאַרשווענקט דעם פאַרזיי אין פעלד,

דעם בוים אין וואַלד, די נעסט פון פויגל,
דעם מענטש ביי שייטערהויפנס פאַרשרפה'ט און פאַרסמאַליעט.
אַריאל, ווען ער שטייט אין טרוים פאַרהילט,
צעכוואַליעט
פון זיינע אייגענע תפילות, קוקט ער נאָך דעם שליאַך
פון ערשטן „שויתי״,
דער דאַך
פון זיין היים. דער פונדאַמענט
פון זיינע ווענט.
דער יסוד
פון זיין סוד.
נאָך היינט קען אַריאל ניט פאַרשטיין
דעם מיין
פון „שויתי ה׳ לנגדי תמיד״.

ו.

די שטערן אויפן הימל — ווי פערלדיקע טויען.
אַ ייד אין מיטן גאַס
וויל פאַרטרויען
זיין האַרץ דעם גאָט פון דער וועלט.
זאָגט ער אָפּ אַ קאַפּיטל תהילים.
קיין וואָרט ניט פאַרפעלט.
און לייגט זיך שלאָפן.
אויף אַריאלס וויִעס
לייגט זיך ניט דער שלאָף. אָפענע חלומות

ווי יריעות

לִיגן אויסגעלייגט אויף זיין בעט און בעטן אים:
חלום אונדז אויס ביזן סוף. מיטן גאַנצן חיות.
נאָר אין חלום געדענקט דער טאָג זיין לייב און לעבן.
דו ביזט פאַרשאָלטן מיט חלום, אַריאל.

וויל אַריאל זיין טאָג אַ חלום געבן:
אַ הירשל אויף די פעלדער לויפט.
נאָך אים אַ יעגער.
ביימער לויפן אין דעם וואַלד
נאָך זיי אַ זעגער.
אַ טאָג גייט אויף פון אַלע זייטן,
קומט אָן אַ נאַכט און וויל דעם טאָג פאַרבייטן.
אויף גרינע לאָנקעס פאַשען
זיך שעפסן, רינדער,
קומט אַ טריקעניש. קומט אַ פייער און צעשפרייטן זיך די אַשן
אויף די גרינע לאָנקעס, און אַצינדער —
ווייִנען ווינטן אין פאַרטאָגן
און פאַרטראָגן
ווײ געשרייען און אזכרות
צו פינצטערע היילן, צו נאַכטיקע נאָרעס.

איז דאָס דער חלום פון דיין טאָג, אַריאל?

אַריאל וויל דעם חלום הייַנט פאַריאָגן.
ער וויל צוריק די פעלדער, די גרינע לאָנקעס
און די ביימער.
ער וויל זיין דער שומר
פון די בלויע שטערן און פון הימלען מיטן תהילים.

פיינט האָט ער די אַשן, ווי גיפּט און גאַל.
אַריאל וויל צוריק אַ קלאָרן קוואַל.

אין פרייען האַרבסט, — אויף די געלע בלעטער זון און חן,
וויל אַריאל פּאַרפּוצן זיין חלום
מיט אַ קרוין
פון לויטער גאָלד.

נאָר פון וואַנעט שטאַמט אַריאל? יע. איר זייט גערעכט,
לאָמיר זען די וואָרצלען און די צווייגן אין געפלעכט.

ז.

די אָרעמעלייט, ווי למדווניקעס האָבן באַשיינט די גאַסן און די געסלעך.

אַן אָרעמע לבנה האָט באַלויכטן זיי די וועגן.
אין צעריסענע קעשענעס פולע פעסלעך
גלויבן. אַ זינגענדיקער רעגן
האָט באַגאָסן ניט ברוקירטע ברוקן
און ניט געפלאַסטערטע טראָטואַרן.
אַ מאָל פלעגט אַ שטערן אַריינקוקן
אין אַן אָרעמע כאַטקע און צעזשאַרן
אַביסל פרייד.
אויף די וועגן איז געגאַנגען דער בעל שם טוב.
ווי אַן אייגענער מחותן. קיין מאָל נישט געווען קיין פרעמדער.
האָט ער אים אָנגעגאָסן אַ בעכער וויין,
צוגעווונטשן גוטע יאָרן

איבערגעלאָזט אַ זעקל קאָרן
און דער פאַרשעמטער ייִד, שאַ, שטיל,
איז אַרויס אין אַ קאַדריל —
קורץ געזאָגט: אַ שטעטל מיט פולע הויפנס ניסים.
דער בעל שם טוב האָט אליהו הנביאן געטראָפן,
פון דער נאָענט, פון דער ווייט
געבענטשט די אָרעמעלייט
און מיט אַזעלכע צוויי —
פריילעך דער געמיט.
טאַנצנדיקע טריט.

אַ וואַסערטרעגער, איינער אין שטעטל, מיט אַ זמר
האָט געטראָגן אַ פולן עמער.

אַ שניידערל מיט פאָדעם און מיט נאָדל
האָט באַגריסט דעם רב בכבוד גדול.

אַ שוסטערל אין זיין קליינעם קאַמער
האָט אַרויסגעזונגען מיטן האַמער
רייזנס ליד.

דער חזן — אַן אַראָפּגעקומענער פון ווייטע לענדער
האָט אויסגעגאָסן אויף זיין שטענדער
פולע טייכן תפילות.

אַ שטעטל מיטן פנים צו מענטש און גאָט

אביונים איינגעוויקלטע אין דין, אין משפט
אין רחמים.

ח.

דער „עין יעקב" איז אָפן. די שטוב איז מיט גנאָד,
מיט חסד און רחמים באַצירט.
נישט קיין טרוקענע הלכה, נאָר דער סוד
פון ניגון פירט
אויף די וועגן פון שם.
אַריאלס מאַמע האָט אַ תפילה: ניט פאַרשעם
גאָט מיין היים. זאָל אונדז ניט פאַרשטערט ווערן.
ווי ניט ווי קייקלען זיך אַראָפּ אַ פּאָר טרערן
און דער שטילער געוויין
איז פול מיט גינגאָלד, און ריין
ווערן הימלען
און אַריאלס קינדערשע אויגן־פינקלען.

אַ בוים וואַקסט אַריין אין פענצטער. געוואָלט
ווערן אַ שטיפעריש קינד. שטיקער זון האָבן פאַרקוקט אין אַלע
ווינקלען.

גאָט אַליין האָט געמאָלט
זיין קליינע וועלט. פאַרטראַכט
האָט אַריאל געקוקט אויף דעם בוים ווען פאַרנאַכט
האָבן זיך שאָטנס באַזעצט אויף די צווייגן.
ער האָט זיך געטונקט אין שווייגן.
אַלס קינד זענען צייטיק געוואָרן אין שווייגן זיינע ערשטע לידער.
דער בוים האָט געשפּייזט זיין קינדערשן רוישן.
דער וואָרצל האָט געבראַכט צו זיין טיש פולע קוישן
מיט חלום און קאָלירן.
דעם טאַטנס „עין יעקב" און דער בוים אין פענצטער

האָבן געהאַט דעם כח צו פאַרפירן
אַריאלן אין מרחקים. אין ווייטע קאַנטן.
אַ קאָרליקל צווישן גיגאַנטן.
זיין גאַנץ לעבן זענען אים געגאַנגען אַנטקעגן
די שמאָלע סטעזשקעס און די ברייטע וועגן
פון זיין היים.

קיינער האָט ניט געקענט שטילן
זיין אומרויִקן חלום. סיידן זיין מאַמעס אויגן.
זיי האָבן אים געפירט פון מבול צום רעגנבויגן.
קיינער וועט זייער גלאַנץ און חן ניט פאַרפּירן.
זיי פירן
צו היכלות. צו אָפענע טירן.
אין זיי ביז היינט צו טאָג גליט
אַריאלס געמיט.

ט.

די רויכן פון די קוימענס
רייסן זיך אין הייכן, ווי אַ חלום און ווערן פאַרשווונדן...
אַ פויגל פליט אַריין אין די רויכן, מיט לויב און געזאַנג צו עתיק יומין.

דעם פויגלס חלום איז פאַרבונדן
מיט הימל. די פליגלען צעוויגן, —
אַ סימן — אַז אויך די רויכן פון די קוימענס

קענען ניט פֿאַרטושן אַ ניגון
פֿון אַ פֿויגל.
אַריאל האָט נאָכגעקוקט די פֿייגל אין דער נאַכט
אויף די דראָטן.
אין פֿרימאָרגן פֿאַרטראַכט
האָט ער געקנאָטן
זיין אייגענעם חלום:

ער איז אַ פֿויגל. אַ בלויער פֿויגל. דער חודש איז שבט.
אַ פֿראָסט אין דרויסן. ער ווערט פֿאַרפֿראָרן.
ער וויל אָנקומען צו אַ בלאַט
אויף אַ גרינעם בוים.
נאָר דער זכּרון
איז שוואַך.
ער געדענקט ניט וווּ געפֿינט זיך דער בוים מיט גרינע בלעטער.
אַ שניי אויפֿן דאַך.
אַ ווינט וואָיעט אין דרויסן. ווינטער.
פֿאַרטראַכט, בינדט ער
אַ חלום צו אַ חלום. אַ שטראַל צו אַ שטראַל,
ער ווערט אַ פֿויגל. אַ בלויער. ער פֿליט צום קוואַל.
צום גרינעם בוים.
צום טרוים.
אינמיטן דעם פֿלי צעשיטן זיך די קלאַנגען,
אויף די פֿעלדער פֿרירן אַלע גאַרבן.
ליידיקע זאַנגען
וויינען.
אַריאל זוכט לעבן. אַריאל וויל ניט שטאַרבן.
ער קלייבט אויף די קלאַנגען
ער קלייבט אויף די שטערן,

אַלע דימענטן צו אים געהערן — — —
דער חלום ווערט אָפּגעהאַקט מיט אַ שאַרפע האַק.

אין די בגרות יאָרן טראָגט אַריאל אויף די פּלייצעס
אַ זאַק
מיט קלאַנגען. מיט דימענטן און שטערן.

.י

פרעמדע פעלדער האָבן זיך געצויגן דאָרט ווייט, און האָבן געבוירן חלומות.
אויף די שליאַכן איז אַריאל געגאַנגען פאַרלוירן.
שטענדיק פאַרטראַכט אין מחשבות. אַ מאָל האָט אַ בלינדער פאַרבייגייער
אַריאלן געזאָגט: יינגל גיב אַכט,
ס׳איז אַן אונטערשייד צווישן טאָג און נאַכט,
און דו — דו ווייסט קיין אונטערשייד.
אַריאל האָט געהערט דעם בלינדן בעטלערס רייד
און אין ווינטער אויף די שליאַכן פון פרעמדע פעלדער פאַרלוירן געגאַנגען.

אפשר דאַן האָט שוין דער הימל געבויט זיין פידל און די קלאַנגען.

אַריאל געדענקט: די רחבותדיקע פעלדער, דער קאָרן, די זאַנג, האָבן געבויט דעם סמיטשיק פון זיין פידל און זיין געזאַנג.
אַ האַרץ פול מיט גלוסטונג. ווייסע טויבן

איבער דעם שכנס דאַך, האָבן געפלאַטערט מיט חלומדיקע פליגל.
דורך די שויבן
פון זיין היים האָט ער דער וועלט געזען.
יונג איז ער געווען, אויפן שוועל פון ייִנגל און פון מאַן,
איז ער אין געשפּאַן
געגאַנגען מיט אַ פולע טאָרבע פייערדיקע פלאַמען.
דער פרילינג און דער אָסיען, דער זומער און דער ווינטער
די וואָרצלען פון די ביימער און די שטאַמען,
דער ווינט, דער שטורעם און דער וואָלקן, דער ברייטער טייך
האָבן געשפּילט אויף זיין באַנדורע, רייך
אין גלוסטונג און אין חלום, רייך מיט רחמים, חסד
און מיט גלעט, —
און אַזוי איז אין אַריאלס האַרץ געוואַקסן דער פּאָעט.

די אויגן האָט ער גענומען פון זיין מאַמען.
אַ תחינה — און אין די בלעטער פלאַמען.
אַ תפילה — ווו דער קרעכץ, געשריי און שלווה
גייען טריט ביי טריט צוזאַמען.
אויגן — מיט שמחה און מיט טרער.
אין זיי האָט מענטש און גאָט אַ נעסט געבויט,
ווו ביי אַלע שוואַלבן איז אָנגעשפּיצט אַ בליציקער געהער,
אַ געהער, וואָס קומט אַריאלן דערמאָנען:
אין דיין גאַנג
גיי מיט מענטש און גאָט און ניט מיט די דעמאָנען.

זיינע אויגן האָט ער געירשנט פון זיין מאַמען. שאַרפע ווי אַ חלף.
אין זיי — זיין אָנהייב,
אין זיי — זיין אַלף.

יא.

אָפּט שטייט אַריאל און ער גאַפּט.
ווּ און ווען האָט ער זיין ערשטן קערנדל פאַרזייט,
פון וואַנעט קומט זיין זאַפּט,
זיין טרער אין האַרץ, זיין גראַם אין ליד, זיין וואָרט, זיין טאַקט,
אויף וועלכן טראַקט
האָט ער די שווייגעניש און די ווערטער אויסגעפונען.
ווּ האָט זיין ליליע געבליט.
אויף וועלכע דערנער האָבן זיינע טריט
געטראָטן, און נישט געוווּסט האָט ער, אַז אויסגערונען
האָבן ריטשקעלעך מיט רויטן בלוט פון זיין רמ״ח, שס״ה.

ער שטייט און גאַפּט, און ווילן וויל ער הײַנט דערציילן,
ווער האָט אים פאַרנאַרט
אין מיסטעריעזע היילן,
ווער האָט אים פאַרשפּאַרט
צווישן שאָטנס, — וועלכער זומער,
האָט פאַרוואַנדלט דעם ריידעווודיקן פלאַפּלער,
אין אַ שטומער
מומיע.
(ווייל ווען אַריאל שווייגט, שווייגן די ווייזערס אויפן זייגער
און דער גאַנצער שטייגער
לעבן שווייגט, — אויך די בינען
ווען זיי פליען פון בלום צו בלום — שווייגן
און אין שווייגעניש גייען זיי אַראָפּ פון זינען)

אַריאל וויל זיך אין זיין ראשית הײַנט דערמאָנען.

אַריאל וויל זיין גאַסט, זיין וואָרט, דערקאָנען,
אַריאל — אָט אַ חכם, אָט אַ שטומער נאַר,
אָט אַ שטילע נאַכט, אָט אַ פייער, אַ פאָזשאַר.
אַזויפיל סתירות ליגן איינגעוויקלט אין די יאָרן;
אָט אַ פעלד מיט זאַנגען, אָט אַן אָפגעסמאַליעט קאָרן.
אָט אַ טריקעניש, און גלייך
אַ פולער קוואַל, אַ טייך,
און קיינער קען ביז היינט צעשיידן
זיין שווייגן און זיין ריידן.

אַריאל שטייט לעם חבר זיינעם נאָענט.
אַריאל שטייט לעם חבר זיינעם ווייט.
ער האָט מורא פאַר אַ רגע, פאַר אַ שעה,
און לאָכן לאַכט ער פון דער צייט.
אָט איז ער דאָרטן און אָט דאָ.

אַזויפיל סתירות — זיינע לעבעדיקע עדות.
אַזויפיל ניגלה. אַזויפיל סודות.

יב.

פעלדער מיט גרינס באַדעקט.
און אַ מיל אַנטקעגן מאָלט דאָס מעל.
פרילינג שמעקט
אויף יעדן שוועל.

אַ מאָל, גיסט אָפּ אַ רעגן
פּלוצלינג אַלע וועגן,
נאָר די זון מיט עקשנות קריכט אַרויס פון אַלע וואָלקנס:
איך בין דאָ
אין אַ מזלדיקער שעה.
קיינער וועט מיין שטראַל
פאַרפלעקן.
קיינער וועט מיין קוואַל
פאַרדעקן.
איך בין זון און צעשיט אויף אַלע שטחים שטראַלן זילבערנע
און גאָלדענע פון טויזנטער קאָלירן.
אַריאל האָט ליב געהאַט די זון, דעם רעגנבויגן
נאָך אַ רעגן. זיי פלעגן אים פאַרפירן
אין מרחקים, דאָרט וווּ די רייטערס רייטן אויף די פערד
און מכשפים שפּרינגען פון דער ערד;
און קאַרליקלעך מיט ווייסע בערד
בלאָזן אין אַ האָרן.
דאָרט וווּ חלומות ווערן פונדאַסניי געבאָרן,
און ווינטן אויף די פעלדער בלאָזן,
און משה׳ס סנה ברענט ווי אַ דאָרן,
און אַלע גראָזן
צערטלען זיינע טריט.
אַ קינד וואָס קלייבט שוין קערנער פאַר זיין שפּייז,
קוקט נאָך דעם פלי פון טויבן
מיט ערנסטקייט און פלייס,
און זוכט אויף אַלע שויבן
דעם ציטער פון פרימאָרגן.
אין אַריאלס הערצל, שוין פון קינדער יאָרן
איז געלעגן טיף פאַרבאָרגן

אַ ניגון.
גלייבט אים אויף זיין וואָרט: ער קען זיך שווערן —
דער ניגון האָט שוין דאַן פאַרמאָגט אַ זשמעניע פרייד, אַ הויפן טרערן
און קיינער קען קיין גרענעץ שטעלן —
וווּ ענדיקט זיך אַ טרער, וווּ הייבט זיך אָן זיין פרייד,
ווער דער ערשטער קומט צו זיינע שוועלן
און ווער פאַרגייט
דער לעצטער.
באָרוועס איז אַריאל געלאָפן אויף די וועגן און געקליבן קערנער.
צוויי אומרויִקע אויגן האָבן אים געטריבן
דאָרט ווּ דער הימל קושט די ברעגן פון דער ערד
און אַ רויטע שקיעה איז פאַרגאַנגען אין אַ טייך.

יג.

אַ בוים איז געוואַקסן אין גאָרטן. די צווייגן — אין פענצטער פאַרקוקט. עץ החיים האָט אַריאל דעם בוים גערופן.
פון אַלע ביימער — דער שענסטער.
אין פרימאָרגנס געוועזן איז דער בוים — בגילופן.
אַ בוים — כולו שירה. נאָך אַ רעגן — אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן האָט אַ ליד געשריבן.
אַריאל האָט די טראָפּנס געקליבן
און געלייגט זיי צוקאָפּן.
אַריאלס גאַנצן לעבן גייט נאָך דער בוים.

ווּ נאָר זיין היים
זאָל ניט זיין — דאָ צו דאָרט, צו ערגעץ ווּ,
דער שאָטן פון דעם בוים
רויבט זיין רו,
דער בוים פאַרמאָגט אַ פּנים.
און ווּ אַריאל איז געגאַנגען האָט ער געזען די סימנים
פון יענע טעג,
סימנים פון יענעם ליים,
פון וועלכן דיכטער בויען לידער, לייגן ציגל
דעקן צו מיט דאַך
אַ היים,
וואָס פאַרמאָגט צוויי שיינע פליגל.
וואָס איז דאָ צו ריידן, —
אַריאל טענה'ט נאָך ביז היינט, אַז קיינער קען
דעם חלום פון זיין בוים באַשיידן.
אין שטילקייטן, אין אומרו, אין פייערדיקע פלאַמען:
אַריאל און דער בוים גייען טראָט ביי טראָט צוזאַמען.
ווייל וואָס איז נאָך פאַרבליבן אַריאלן פון זיין פאַרמעג,
אויב ניט יענע שחריתדיקע טעג,
יענער האַרציקער געזאַנג און יענער גלויבן,
און די ווייסע טויבן
ביי דעם שכן;
יענע טעג און יענע וואָכן.
(דאָ קען אַריאל אַלעמען באַווייזן,
אַז מיט זיין בוים און מיט יענע טעג שפּרייזן
זיי צוזאַמען)
אַריאל איז אויסגעוואַקסן אַ פּאָעט
איז ניט שפּעט
היינט זינגען אַ וואָרט, אַ ליד פאַר די צווייגן פון זיין בוים.

זינגט ער הויך, זינגט ער באַשיידן,
הערט מען ווי מענטש און בויםריידן.

מן הסתם
הערן די כוואַליעס וואָס דערציילט דער ים.

יד.

פעלדער אַרום. אַ מאָל קומט אָן אַ וואַנדערער,
אין זיין טאָרבע: חסד. רחמים. תפילות.
דוכט זיך, אַ למדווניק גייט אַרום דאָ מיט שטילע טריט.
ער זעט די וועלט
מיט אויגן פון קדושה.
ער גייט פאַרשטעלט.
נאָר קלאָר איז זיין בליק, ווי די פעלדער אַרום,
און שיין איז זיין תפילה, אין שווייגעניש, שטום,
דער הימל פאַרדעקט אים דעם צער פון די צייטן,
און שטערן דאָ פינקלען פון אַלע פיר זייטן,
דער צפון באַלויכטן,
דער דרום צעהעלט,
אַ ייד מיט אַ טאָרבע,
אַ למדווניק פאַרשטעלט.
דער מזרח, דער מעריב, גייט גריבער אַריבער,
אַלץ אין קדחת, און אַלץ איז אין פיבער.
אַריאל אינמיטן, עס דוכט זיך אים שטענדיק,
ער און דער בעטלער אויף זוניקע וועגן,

אַוועק צו דעם חלום, אַ תפילה פאַרענדיקט,
און פעלדער אַרום. ווי נאָך שוימיקן רעגן,
וואַקסן דאָ צמחים ;
נישט מענטש, נאָר מלאכים
צינדן אַ סנה, וואָס ווערט קיינמאָל פאַרלאָשן
מיט סודות וואָס טראָגן די פריידן אין לשון.
אַריאל פאַרליבט איז אין סוד אין דעם טאָל.
אַריאל פאַרליבט איז אין באַרגיקן קול.
און אַלע זיי ווילן זיין שווייגן באַגלייטן,
פאַרבינדן זיך טיפער איינס מיטן צווייטן.
ווייל אַלע אַרום דאָ, דאָס וואַסער און שטיין,
די גרינסן אַרום און דער זילבערנער חן,
זיי וויסן אויף זיכער, אַז אַ מאָל וועט זיין שורה
פאַרמאָגן דעם שמייכל פון דיכטערשער גבורה.
שטייט דאָ אַריאל און זויגט אויס די זאַפט
פון אַלץ וואָס עס בליט, און ער שטייט דאָ פאַרגאַפט
פאַרן סוד פון דער שיינקייט, און די קינדערשע אויגן
קוקן אויף פייגלען אין ווייטן פאַרפלויגן.

אַזוי גייען דיכטער, אַריבער די שוועל
פון פעלד און פון פויגל, צו אייגענער זעל,
צו אייגענע ווערטער, צו אייגענע זאַכן,
צו הימלען, צו שטערן, צו פאַרכישופטע שליאַכן.
דער דרויסן איז יונג, דער בוים איז גרין,
אַזוי האָט אַריאל געזען זיין באַגין.

ט.

קיינמאָל ניט דאָ. שטענדיק ד אָ ר ט ן. ד אָ ר ט ן.
מיט דער וועלט אַרום
געוואַקסן איז זיין גאָרטן.
באַוואַסערט אַלעביימעלעך, געבויט אַ רעגנבויגן.
פון אַלע וואָרצלען — זון האָט ער געזויגן.
אַ בוים האָט אים פאַרכישופט. די שקיעה פלעגט זיך מיִען,
פאַרנאַרן אים אין ווייטקייטן, צו האָריזאָנטן אים פאַרציִען,
דאָרט, ווו עס ענדיקט זיך די וועלט, און אויגן ווערן בלינד,
און בלינדערהייט
ער זעט: אַ וועלט אין בלי און פראַכט,
און ער, דער ג י י ע ר גייט.
ער גייט צו טאָג. ער גייט צו נאַכט.
די ערד מיט בלימעלעך באַזוימט,
און זיין האַרץ — פאַרטרוימט.

אַזאַ איז ער געווען.

אַ שאָד. וואָס ער האָט אין יענע יונגע יאָרן
ניט פאַרשריבן לזכרון,
מיט טאַקט און גראַם,
דעם געווירבל פון אַלע כוואַליעלעך אין ים.

אַ שאָד,
וואָס ער האָט דעם סוד,
פון פלייץ און פליסן,

ניט געקענט פֿאַרשרייבן פֿאַר די וועלכע ווילן זען און וויסן
זיינע יונגע אומרויִקע אויגן.

אַ שאָד, וואָס ער האָט די קערנער זיינע ניט געקענט פֿאַרזייען,
און פֿאַרשרייבן אַלע פרילינגען
און אַלע שנייען,
אַלע טראָפּנס פון דעם רעגן און דעם פֿאַרגעניגן
פון זשומענדיקע בינען
און דעם ניגון
פון אַ וועלט
וואָס בלויט און בליט
און גרייט די זאַנגען צו דעם שניט.

אַזאַ איז ער געווען.

איך געדענק אים גוט. עס פיבערט אין זכרון
אַ יינגלשע געשטאַלט
וואָס האָט געפּרוּווט דעם פרילינג און דעם האַרבסט אויפפאַרן,
און מאַכן פון זיי איינס, זיי זאָלן זיך ניט שיידן,
ווייל אַלע סטרונעס שפּילן אויף אומעטיקע נאָטן,
און אַלע פריידן
גיסן זיך אַריין אין צער, ווי זשומענדיקע דראָטן.

טז.

שוין דאַן אין יענע יונגע יאָרן
איז ער געשטאַנען קעגן שקיעה

מיט פחד און מיט מורא
פאַר דעם צער פון מענטש
און געזוכט דעם בורא
ווי נאָר ס׳האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר די זריחה.

שוין דאַן אין יענע ייִנגלשע יאָרן
איז דער הימל אים געווען אַ דאַך
און די גראָזן און די צמחים
האָבן געזונגען מיט אַ שפּראַך,
מיט אַ לשון פון מלאכים
קרוב צו דעם בורא עולם.

אין אַלץ געזען האָט ער סימנים
פון אַ וועלט וואָס טראָגט אויף באַרג און טאָל
אַ געטלעך פּנים.

אין אַלץ געהערט האָט ער אַ קול
פון מרחקים,
און ווייטע צייטן
נאָענט, אָט דאָ לעם אים, ריידן אָן קאָטאָוועס,
ווי דערציילן וואָלטן זיי פון נאָענטן נעכטן,
און ניט געפילט האָט ער:
ס׳איז פּרקי אבות.

אַריאל האָט ליב געהאַט צו גיין צוזאַמען
מיט חברותא.
נאָר אין דער עדה האָט ער אויסגעהיט די פלאַמען
פון זיין פּיצל האַרץ.

(צוזאַמען — און אויך היינט איז דאָס פאַר אים אַ חידה,
ווי היט מען אויס די שטילע ווערטער
פון אַ ווידוי
אין דעם טומל פון צוזאַמען?.)

ליב האָט ער געהאַט מיט חברותא אָנצינדן דעם שייטער,
נאָר וואָס העלער פלאַמיקער דאָס פייער איז געווען,
איז ער געווען פון חברותא — פייער ווייטער.
דאָרט אין יענע תחומים,
ווו די שירה איז זיך שוין מטפל
מיט דיין אימה. מיט דיין ציטער. מיט דיין צאַפּל.

— און דאָרט אין יענע תחומים האָט ער שטומערהייט
געבונדן רייד צו רייד,
וואָרט צו וואָרט, און צוזאַמען מיט די רייד, בייניאַנד
געווען איז ער אין יחידס לאַנד.
איינער האָט געזאָגט: איך קאָן אים:
זון און וואָלקן אין איין פּנים.

יז.

אַז דער הימל בענקט נאָך שטערן, אַז דער וואָלקן וויל דעם הימל
ניט באַפרייען,
אַז גרינסן ווילן גערטנער באַנייען,
אַז דער האַרבסט בענקט נאָך אַ פרילינג,
און דער מענטש גייט מיט אַ צווילינג:

צער און פרייד, —
האָט אַריאל פון זיין פריסטער יוגנט שוין געלערנט.

אַז צווישן בעטלער און דעם פרינץ איז דאָ אַן אונטערשייד,
אַז דעם חכמס ווערטער און דעם תמ'ס רייד
האָבן אַ באַזונדער שורש;
אַז דער יורש
טראָגט אַן אַנדער ניגון פון זיין טאַטן,
אַז אַ דור אַ צווייטן דור קען אָפּשווענקען, פאַרראַטן, —
האָט ער פון זיין פריסטער יוגנט שוין געלערנט.

אַז אַ מאַמעס אויג איז ווונדער, נס און גליק,
אַז מתים פון בית עלמין קומען ניט צוריק,
אַז פייגל וייסן זייער וועג אין הייכן,
אַז אַ תפילה קען צו גאָט און מענטש דערגרייכן,
אַז אין בין השמשות איז אומעטיקער, טיפער אונדזער צער,
און אין אויגן פון אַ פרוי ליגט ליבע און געפאַר, —
האָט ער פון זיין פריסטער יוגנט שוין געלערנט.

געלערנט האָט ער אויך אַז אַ טיר דאַרף אָפן זיין און ניט פאַרמאַכט,
אַז אַ האַרץ איז זון און וואָלקן, טאָג און נאַכט,
אַז געבויגן ווערט אַ קאָפּ פון ווי און קלעפּ,
און אויך אַ קרומער לייטער דאַרף האָבן גאַנצע טרעפּ
און שטאַפּלען וועלכע פירן אים אַהין,
צו וועלטן מיט אַ תכלית און אַ זין.

געלערנט, און שטענדיק אָפּגעוואַרט
פאַרשטיין און וויסן, צי אַ פרילינג האָט אים אָפּגענאַרט;

צי אַריאַלס שחר, פרייד און זון,
וועט אויספּוצן אַ גאָרטן מיט טויזנט בלומען
און קומען
וועט דערפון
דער רויש פון גוטן וואַלד
וואָס איז אָנגעזאַפּט
מיט חן און זאַפט.

פאַרשטײן און וויסן, — און ביז היינט לייכט דער ספק אויף אַריאַלס טורעם,
צו האָט דאָס שווייגן און דער שטורעם
ניט אָפּגענאַרט און אין תהומות אים פאַרשלעפּט,
און דעם חלום אכזריותדיק געקעפּט.

ביז היינט. ביז היינט.

יח.

אַריאל האָט ליב געהאַט ברינעמער .
אַראָפּגעקוקט אין טיפן און געוואָלט פאַרשטיין:
ווער זינגט דאָרט פון תהום:
פריידן צי געוויין.
ווער ליגט דאָרט טיף אין תהום אין טיפן דרעמל:
אַ מענטש. אַ שלאַנג און אפשר גאָר אַ קעמל...
אַ קעמל מיט אַ האָרב און אין האָרב אַ לאָגל טרערן,
וועלכע רייסן זיך צו הימלען, צו וואָלקנס און צו שטערן.

אַריאל האָט ליב געהאַט ברינעמער.
ווען בין השמשותדיקע ווינטעלעך האָבן אָנגעהויבן בלאָזן,
איז ער געשטאַנען אַ פאַרבענקטער
מיט יאוש אויף די ליפּן אַז גאָט און מענטש האָבן אים פאַרלאָזן,
אַז אויף אַ דינער, דינער צווייג הענגט ער,
און אָט, אָט,
פאַלט דער בוים, צעריסן ווערט די קאָרע, ס'רייסן אָפּ זיך אַלע צווייגן,
און גאָט
אַליין קען ניט העלפן, ניט מיט געשריי און ניט מיט שווייגן.

אַריאל האָט ליב געהאַט ברינעמער.
געדאַכט האָט ער: ס'קומען פון תהומות טריט,
און אַלץ איז דאָרט פאַרשריבן,
ס'קומט אַ וואָרט. אַ גראַם. אַ ליד.
אַ געהיימע האַנט האָט אַלע סודות דאָ געקליבן,
און אַלע, אַלע ניט דערגרייכטע ווייטן,
און אַלע דממה — דקה'ס פון די צייטן
קומען אָן פון סודותדיקע היילן,
דעם סוד פון וואַסערן אין טיפקייטן דערציילן.

אַריאל איז אַ מאָל מיט בינטל שטראַלן
אין אַ ברונעם אַריינגעפאַלן.

ציִען זיך די שטראַלן פון די טיפן, זיי ווילן קריק אַרויף,
זיי זוכן זיין נשמה און זיין גוף,
זיי ווילן קריק צו ערד.
זיי ווילן אַריאלן דערציילן אַז אויך דאָרט
אין טיפקייטן פון ברינעמער איז ניט באַשערט

הערן דאָס אויסגעלייזטע וואָרט. —
אַז אויך אין טיפקייטן פון ברונעם
ליגן אויסגעשפרייט
צוויי סודות: דער סוד פון גאָט און טויט
און קיינער קען ניט אויסשעפּן, און קיינער קען אַנטפּלעקן
די אימה פון די סודות. די פּחדים און די שרעקן.

אַריאלס קאָפּ ליגט נאָך היינט אין די טיפקייטן פון ברונעם.

יט.

אַריאל געדענקט: אומעטיקע הענט פון זיין מאַמען,
איבער שבתדיקע ליכט. ער האָט געהערט
איר תפילה.
געשטאַנען איז ער פאַרקלערט
צוזאַמען
מיט אַ סך מחשבות.
אַ באַזונדערע מלוכה פון זיין מאַמען.
דער מאַמעס תחינה. די שפּראַך
און שטערן אויפן דאַך.
אַריאל געדענקט: אין דרויסן אַ שטורעם, געוויטער
און גאָט איז דער היטער.
דער שומר פון אַלע אומעטיקע יידישע אויגן.
ניט אַלץ האָט אַריאל פאַרשטאַנען:
פונוואַנען
אַזאַ אומעט? ווער קען דערציילן

און ווער קען באַשרייבן ?
ווער קען היילן
צער און ווייטיק ?.
באַגלויבט און איבערגעגעבן
איז אַריאלס מאַמע געווען צו איר פרומען לעבן.
היימיש מיטן צאינה וראינה. היימיש מיט דער תחינה,
ווי זיין טאַטע מיט דער שכינה.
היימיש מיטן קרבן־מנחה. היימיש מיט אירע נויטן.
ווי היימיש יידיש לעבן איז מיט תפילה. מיט שמע ישראל.
היימיש — ווי די קנויטן
מיטן פייער.

אין שטילע מוצאי שבתן איז אליהו הנביא אַריין
מיט אַ סך בטחון,
מיט אַ ביסל שיין.
פאַרטראַכט אין שוויגן האָט ער חלקים בטחון צעטיילט
און לעגענדעס דערציילט :
פון שור הבר, פון לוויתן.
ווען אליהו הנביא איז אין שטוב געווען
האָבן זיך ניגונים צעגאָסן.
האַרציקע ניגונים באַלויכטענע. אָן זאָרגן :
ס'איז נישטאָ קיין נעכטן. ס'איז נישטאָ קיין היינט.
אליהו הנביא האָט צווישן געגעבן : ס'איז דאָ אַ מאָרגן.
אַ מאָרגן מיט אַן אַלטן גאָט אין הימל וואָס זעט,
וואָס גלעט,
וואָס פאַרגיט די זינד
פון טאַטע און קינד.
אַריאל געדענקט דעם גרויסן אורח : אליהו הנביא.

זיין בטחון האָט אים אָפּגעהיט און געכאָוועט
זיין לעבן.

אַריאל געדענקט.

כ.

גוט שבת. גוט יום טוב.
גוט וואָך. די הבדלה ליכט צאַנקען.
שבת ליכט ברענען.
אָך, וויפל געדאַנקען
פאַרפלייצן אַריאלס געמיט און מחשבה. וויפל געדאַנקען.
קיינער וועט שוין ניט קענען
ברענגען צוריק יענע טעג. פאַרשרייב:
יענע טעג האָבן געהאַט אַ זוניק לייב.
יענע טעג זענען געווען בגילופן
מיט קדושה.
יענע טעג האָבן קולות גערופן
פאַרוואַנדלען גופים
אין נשמות.
גוט שבת. גוט יום טוב. גוט וואָך.
אָפּן. קלאָר
האָט זיך שוין געהערט אין קאָרידאָר
דער מאַמעס קול. איר זיפץ. אַן אנחה
וואָס האָט אַ האַרץ צעבראָכן.
נאָר אין קרעכץ איז געלעגן אַ ברכה:

גוט שבת. גוט יום טוב. גוט וואָך.
און אַלע יאָכן
פון זיבן וואָכעדיקע טעג — ווי ניט געווען.
ווי קיינער האָט ניט געזען
דעם האָרב אויף איינגעבויגענע פּלייצעס.

אַריאל ווישט אויס אַ טרער פון אויג. דער ווייזקער אַרום ווייגט אין אים

מיט טויזנט כליפּן.
ס'ציטערט זיין שטים.
ס'ציטערן ליפּן.
איז דאָ אַ מאָס וואָס קען דעם צער מעסטן?
קע טולוז לוטרעק מאָלן צעוואָרפענע נעסטן?
מיט אייז איז פאַרצויגן זיין טייך.
פאַרפראָרן.
נאָר די נשמה זיינע רייך
מיט פיבערן פון פאַרגאַנגענע יאָרן.
אַ לבנה נאַכט קוקט אַריין אין זיין פענצטער און פרעגט
טויזנטער שאלות.
דאָס ליד בעט זיך: לאָז אָפּ דעם „איכה", הייב אָן פון „שיר המעלות".

נאָר יעדער גראָם שרעקט.
יעדער גראָם ווי ער האָט פון ווייטיקן געליטן.
און דער טאַקט —
מיט אימה פאַרשניטן.

אַריאל, גיי אַראָפּ פון י ע נ ע ם וואָגן.
גענוג צו קלאָגן.

כא.

זון פּאַרגאַנג. די שקיעה אויף די װעגן, װי אַ געהייליקט בילד.
אַריאל, װי באַטייליקט
אין דער גסיסה פון דעם טאָג.
ליב האָט ער געהאַט דעם זון פּאַרגאַנג. אַ יינגל מיט אַ צערודערט האָרץ,
מיט אַ ברענענדיקן קאָפּ,
און די שעהען לויפן אין גאַלאָפּ.
װאָס װילן פון אים די מינוטן און די שעהען?
װאָס װילן פון אים, די גאַסן, סטעזשקעס און די ראָגן?
װאָס דערציילן אים די פּלאַקערס פון פּאַרטאָגן? —
צוגעטוליעט צו אַ בוים, און דער בוים איז שיין און גרין,
צוגעטוליעט צו אַ ספר,
און דער ספר האָט אַ זין,
װיל אַריאל זיך אַליין געפינען,
װען עס קלאַפּט אין לאָדן אָן אַ ליכטיקער באַגינען.

נאָר שוין מיטן שחר, װאַרט אַריאל אויפן זון־פּאַרגאַנג.
װען די הימלען ברענגען
אַ סוד פון יענע װייטן,
װען אויף הימלען הענגען
פריידן. טרערן.
און באַלד, אָט באַלד, װעלן אָנקומען אויף הימלען אַ טשערעדע מיט שטערן.
זון פּאַרגאַנג. אַן אָנהייב פון אַ ליד. אַן אָנהייב פון אַ גראַם.
ערשטער פלעמל פון אַ פלאַם.

ערשטער אויפציטער פון האַרץ.
דער קאָליר נישט קלאָר: וועט דאָס וואָרט זיך טובלען אין בלאָ,
אין שוואַרץ?
זאָל דאָס וואָרט זיך וואַרעמען אין טיפן.
זאָל דאָס וואָרט אַלץ מערער זיך פאַרזאַמען.
ווערטער, זינקענדיקע שיפן.
ווערטער וועלכע דאַרפן נאָך אַ טאָטן. און אוודאי דאַרפן זיי
אַ מאַמען.
זון פאַרגאַנג. שטערט נישט אַריאלן, ווען ער שטייט פאַרכישופט
און זוכט אַ נייעם אָרט,
אַ נייעם ישוב,
וווּ זיין וואָרט
וועט געבוירן ווערן מיט וויי און צער, און פרייד.
די זון פאַרגייט.
אויף דעם לייטער — טרעפּ. פירן אים די טרעפּ צו שפּיצן?
אַריאל ווייס:
באַלד וועט אָנקומען אַ שטורעם. מיט דונערן. מיט בליצן.
באַלד וועט אָפּשווענקען אַ רעגן
דעם שטויב פון אַלע וועגן.

זון־פאַרגאַנג.

כב.

דער הימל איז געווען הויך, צווישן ערד און הימל אינדערמיט
איז אַריאלס טאַטע געשטאַנען.

יעקבס לייטער האָט ער געהיט.
עס זאָלן קיין שטאַפּלען ניט פעלן. האָט זיך אַ שטאַפּל צעבראָכן,
האָט דער טאַטע דעם תהילימל אַרויסגענומען
און פון אינדערוואָכן
איז שבת געוואָרן, און פון קרומען
לייטער איז גלייך געוואָרן דער שטעל.
דו האָסט באַשיינפערלעך געזען: יעקב איז געקומען צו דעם שוועל
זען זיין לייטער.
אַזוי פיל בטחון אין די אויגן פון אַריאלס טאַטע. אַזוי פיל בטחון.
אַזאַ גלייכע פלייצע,
טראָץ די יאָכן
פון די יאָרן, טראָץ צער און יסורים.
טראָץ דער שטורעם
אויף די וועגן.
אַזויפיל האַרץ ביי אַריאלס טאַטן. אַזויפיל האַרץ.
דוכט מיר קיינמאָל ניט געווען אין כעס. קיינמאָל ניט פאַרדראָסיק.
איז שווער געווען דאָס האַרץ
האָט אַ פסוק
אַרויסגעזונגען, און פון אַלע זיינע בערג, פון אַלע זיינע טאָלן
האָט אַרויסגעקוואָלן
חדווה. אַ געזאַנג פון יום טובדיקע אויגן. פון אַ יום טובדיק האַרץ.

דער הימל איז געווען הויך נאָר דער פסוק איז געווען העכער.
דער פסוק האָט זיך אָנגעהויבן פון בראשית ברא און זיך געענדיקט
ווייט,
דאָרט ווו די צייט
האָט קיין שליטה ניט אויפן ייד, וואָס גלייבט, אַז גאָט איז איינער
און חוץ אים — קיינער.
דער הימל איז געווען הויך, נאָר דער שמע ישראל — העכער.

מיט דעם שמע ישראל האָט אַריאלס טאַטע אָנגעפילט דעם בעכער
און הבדלה געמאַכט ווי אַ מלך אַ געקרוינטער, —
און ער דער בורא עולם, נאָענט, אין די הבדלה־ליכט ווינט ער,
אין חומש שטרעקט ער אויס אַ האַנט, און אין תנ"ך
בויט ער אַ געצעלט, ער איז דאָרט אַן אורח מיט תפילה און אַ דאַך,
ווייל דאָ און דאָרט, אומעטום איז גאָט פאַראַן,
וואָס היט זיין טראָט, וואָס היט זיין שפּאַן.

דער הימל איז געווען הויך, פון תפילה צו תפילה איז ער אָנגעקומען
אַלע מאָל נענטער
גאָט, אין אַלע סודות — אַ דערקענטער.
אין דעם ניסתר, מער נאָך ווי אין ניגלה, האָט ער דערקענט זיין
הייליק אָרט.
פון די ניסתר־ציגל
האָט ער געבויט זיין וואָרט
און זיין היכל מיט אראליס־און־מצוקים־פליגל.

דער הימל איז געווען הויך און טיף
נאָר די וועגן פון אַריאלס טאַטע — העכער, טיפער.

כג.

צווישן דאָרף און שטאָט איז דער בית עלמין געשטאַנען.
די מצבות האָבן אַ באַזונדער שפּראַך.
ניט געוווּסט האָט אַריאל פונוואַנען
קומט אַהער דער טיפער טרויער.

דער אַריינגאַנג צום בית עלמין — אַ טויער,
איבער אים אַ דאַך.
אַריאל איז אַריין און צום ערשטן מאָל דערזען די מיסטעריע
פון טויט.
די לופט אויפן בית עלמין איז אָנגעשטעקט מיט צער.
קיינער קען דעם ווייטיק דאָ ניט היילן.
אַ מאַמע קען אַ קינד דאָ ניט דערציילן
קיין מעשה,
פון אַ חלום, פון אַ ציגעלע אַ ווייסע.
דאָ זשומעט
דער אומעט.
דאָ ווערט יעדע שעה גראָ און גראָער.
דאָ וואַקסט דער טרויער
ווי אויף ביימער וואַקסן די צווייגן
אין אומעטיקן האַרבסט.

אויב איר וועט זיך טרעפן מיט אַריאלן וועט איר זען
קאָנטורן
פון בית עלמין אויף זיין פנים.
שפורן
אין זיין טראָט, אין זיין ליד, אין זיין מידער שעה.
פלוצלינג אין אַ ליד פאַרשווינדט די פאַרב: בלאָ.
אַ סימן — דער בית עלמין ליגט נאָך אין די ביינער.
דער פחד האָט אין די גלידער זיך צעגליט
ווי אַ פלאַם.
און נאָך די טריט
גייט נאָך אַ שוואַרצער וואָלקן, און אַריאל שטיל, פאַרבלאַסט,
ווייס:
די מיסטעריע טויט גייט נאָך אין שטוב, אין גאַס;

אַ מיסטעריע... אַ באַווייז
אַז אַ מאָל וועט דער כישופדיקער קרייז
פון לעבן אויפהערן זיך דרייען און די קאַרוסעלע וועט בלייבן שטיין.
ווי קליין
זעט אויס אַריאל אין אָנבליק פון מיסטעריע: טויט.

זעט איר היינט אַריאלן, פאַרקוקט אין די קנייטשן פון זיין פנים.
זיי טראָגן היינט נאָך די סימנים
פון יענעם ערשטן יינגלשן באַזוך אויפן בית עלמין.
אויב די קנייטשן ווילן טיפער ווערן,
אַ סימן אַז די טרערן
פון שטעטלשן בית עלמין ליגן טיף אין זיין נשמה.

כד.

אַ שטאָט מיט יידן. צווישן זיי: עשרה בטלנים,
למד וואַניקעס,
יידן מיט בערד און פיאות. יידן מיט אַ פנים.
יידן עקשנים.
מיט סבלנות האָבן זיי געדינט דעם בורא עולם.
געשטערט האָט זיי
דער צלם
דער קלויסטער אין מיטן שטאָט.
אָבער דער קאַפּיטל תהילים אין פרימאָרגנס
האָט געמורמלט שטיל: שמע קולנו, הער, גאָט,
דאָס קול פון אַ ייד. פאַרהויל ניט דיינע אויגן.

האָסט דאָך צוגעזאָגט: זכור ברית.
דער רעגנבויגן
אויפן הימל איז אַן עדות, אַז נישטאָ קיין ריס
צווישן גאָט און ייִד.

אַ שטאָט מיט ייִדן. אַ שטאָט מיט עטרות. אַ שטאָט מיט קרוינען.
אַ שטאָט מיט שמחות.
אַ שטאָט מיט געוויינען.
אַ שטאָט האָט זיך אַליין גענאַרט
און האָט אויף משיחן געוואַרט.
אף על פי שיתמהמה אחכה לו בכל יום שיבוא.
און דערווייל: יעלה ויבוא.
אַ קאַפּיטל תהילים. אַ קוואַלעכל וואָס קוועלט
און פאַרשפּרייט ליכט איבער אַ ייִדישע וועלט.
אמונה. בטחון
איבער אַלע טעג. איבער אַלע וואָכן.
אַריאל האָט געוווּסט: ייִדיש לעבן האָט לשון.
אָנגעצונדענע ליכט אין די בתי מדרשים ווערן ניט פאַרלאָשן.
דער „עין יעקב" פאַרמאָגט אַ שמייכל. אַ מעשה. אַ געלעכטער
און גאָט איז דער וועכטער,
דער שומר — היטער
פון אַלע זיינע גיטער.

אַ שטאָט מיט ייִדן. נאָר שבת רוט דער סמבטיון.
ביים טייך די־נור, ביים טייך פון פייער,
זיצן מחנות ייִדן און גיבן אַכטונג, אַז די נשמה
זאָל ניט פאַרבלאָנדזשען מאיגרא רמא
לבירא עמיקתא.
עס זיגט דאָ

דער יושר. דער דאַרשט צו גאָט. צמאה לך נפשי.
נאָר דוכטן דוכט זיך אַריאלן: יידן ווייסן דאָ
אַז ס'קומט אַ שווערע שעה.
אַז זיי זיצן לעם אַ קוואַל פון אַנגסט.

אין טייך די־נור, אין טייך פון פייער
פאַלן אַריין אַ סך טרערן. טרערן פון אַ מאַמע. פון אַ קינד.
דעם צער פאַרטראָגט אין ווייטן דער ווינט.

כה.

אַ שטאָט מיט יידן האָט געאַרבעט אויף עולם הבא.
אַלץ געהילט אין תפילה: דער חי, דער צמח און דער דומם.
אַ שטאָט פון חסד,
דאגות פאַר אלמנות. פאַר יתומים.
מיט כבוד און דרך ארץ פאַר אַ מת.
תהילים־זאָגער אַ גאַנצן טאָג. און אויב מ'דאַרף: אַ מעת לעת.
אַ שטאָט מיט בענקשאַפט.
נאָר פון מאָל צו מאָל פליען דורך די קראָען
ווערט אומעטיק.
ווערן פול די שעהען
פון דעם ייד מיט צער. מיט ווייטיק.
וואַרטן יידן — ס'זאָל טאָגן.
דאָס ליכט פון בורא זאָל זיך דורכרייסן, דערשלאָגן
צו יידישע היימען.

נישט ווייט פון אַריאלס היים איז געווען אַ שמידעריי.
אַ שמיד האָט פערד געשמידט.
איז אַריאל געשטאַנען לעם די פערד, נאָכגעקוקט די פייערצוואַנגען
און אפשר דאַן האָבן זיך צעזונגען
אין אַריאלס גוף די ערשטע לידער, די ערשטע געזאַנגען,
און אפשר דאַן, ווען די פונקען האָבן זיך געריסן פון דעם קוימען,
האָבן זיך געריסן אין די הייכן
אַריאלס ערשטע טרוימען.

נישט ווייט פון אַריאלס היים איז געווען אַ מיל.
אַ זעקל מעל אַרויף. אַ זעקל מעל אַראָפּ.
אַ מילנער מיט ווייסע מעלענע הענט.
אפשר דאַן האָט אַריאל זיין אייגן מעל דערקענט.
מעל צו באַקן ברויט, צו קנעטן אין דער דייזשע טייג,
אַלץ איז ווייס דאָ. די ברעם, דאָס אויג,
אַ ווייסע וועלט. אַ וועלט — פאַרשנייט.
אַ טאָג אויף. אַ טאָג פאַרגייט.

נישט ווייט פון אַריאלס היים, איז אַ סאָד געווען.
אַרום דעם סאָד אַ צוים. אַ דראָט.
ביז אַהער. ווייטער נישט קיין טראָט.
נישט דיר געהערן דאָ די עפּל, באַרן.
דיר געהערט די עלנטקייט פון אַלע נעכט און טעג.
דיר געהערן די ווייטע האָריזאָנטן וואָס פאַרנאַרן
דיך אין חלום. דאָ איז דאָ אַ פרעמדער באַלעבאָס.
דאָ ווייס ניט קיינער פון אַ יידיש אות.
וועסט לאַכן, אַריאל, וועסט לאַכן:
אויף די פירות אין דעם סאָד וועט דיין מויל
קיינמאָל ניט אַ ברכה מאַכן.

אַ הונט האָט זיך צעבילט. לויף אַוועק.

נאָך אַריאלן איז נאָכגעלאָפן פּחד. שרעק.

כו.

אַנטקעגן אַריאלס היים האָבן שניידערלעך און שוסטערלעך געוויינט.

די פרימאָרגנס — באַקרוינט
מיט ליד. מיט פּזמון.
איז מען
מיט קאַיאָר אַרויס מיט טלית אין בית מדרש,
האָסטו געזען: דער יושר טראָגט אַ סידור,
אַ ייד, פון האָרעוואַניע אויסגעבלייכט, אַ מידער
האָט מיטן רבונו של עולם אַ ראַנדעוו באַשטעלט.
וואָס איז וויכטיק:
היץ, צי קעלט.
גאָט וואַרט אויף אים אין וואַרעמען בית מדרש.
אין סידור — צעבונטעווען זיך די אותיות
נאָר קו לקו,
ביסלעכווייז גיבן זיך די אותיות אונטער
און זיי דער שניידערל, דער שוסטערל, בראַוו
און מונטער
לויפן אַדורך די שטרויכלונגען און קומען אָן
צום כסא הכבוד, צום העכסטן טראָן.

אַריאל איז מקנא. ער זעט: צעשאָטענע פּערל אויפן ברוק.

אַט זע. אַט קוק:
די שוסטערלעך, די שניידערלעך האָבן אַ גאָט.
זיי זענען נישט קיין יתומים.
זיי האָבן היימען:
בתי מדרשים. גוטע יידן וואָס לערנען זיי דעם אלף־בית
פון גלויבן. פון אמונה.
דעם מגידס טירן זענען אָפן.
און ער — — —
ביי אַריאלן פעלן שוין שטאַפלען אין דעם לייטער.
גייט ער
אויף אַן אַנדער וועג. אַ וועג וואָס פירט צו מזרח.
מאָרגן. איבערמאָרגן. ער וועט זיין היים פאַרלאָזן.
ער וויל די שניידערלעך, די שוסטערלעך ניט לאָזן
דאָ. ער בונטעוועט: דער שופר פון משיח וועט ניט בלאָזן
אויף דער פוילישער ערד.
נאָר ווער קען זיך דאָ אַוועקשטעלן אַרגומענטירן,
אַז די וועגן פירן:
א י ם קיין מזרח
און זיינע גוטע יידן, די שוסטערלעך, די שניידערלעך
צו אַנדערע וועגן.
(אַריאל האָט ליב געהאַט באַנייען גראַמען, האָט ער אַמאָל
געזאָגט אַזוי:
אונדזערע לאָקאָמאָטיוון
פירן אונדז אין אַן אַנדער כיוון...)

כז.

געדענקט אַריאל: אַ פולע שול, יום כיפורדיקע ליכט,
דער אַלטער שמש, — זיין באָרד פאַרדעקט זיין געזיכט,
קוים־קוים מ'זעט אַ פאָר אויסגעלאָשענע אויגן,
שטייט אויף דעם באַלעמער. דו זעסט: עס ברעכן זיך די קני, —
אַ ציטערדיקער קול: אַלע חרמים ווערן בטל ומבוטל, חוץ דער חרם פון שבתי צבי.
און דו ווייסט ניט פאַרוואָס — אין דעם אַרומיקן פליסטער און געוויין —
קומט דעם פאַלשן משיח אַ קללה: ער זאָל תחיית המתים ניט אויפשטיין.

גאָלדענע עטרות אויף טליתים.
שבתי צבי אין אַריאלס שטעטל וועט ניט אויפשטיין
תחיית המתים.

געדענקט אַריאל: אַ פולע שול. זיין טאַטע אַ באַרוטער,
זיכער אין פסק דין, ווי קען אַנדערש זיין?
אין עזרת נשים — זיין מוטער,
ווייַנט אויס אַ גוט יאָר, אַ יאָר פון פרייד און ניט פון פיין,
און ער — מיט מורא פאַר גאָט, מיט ציטער, —
און שוין אין זיינע יונגע יאָרן, מיט ספק, —
און דער ספק — אַ געוויטער,
אַ ניט צופרידענער, אַ בייזער.
אַ קנעכט בונטעוועט זיך קעגן קיסר.
(צוזאַמען — און אויך היינט אי זדאָס פאַר אים אַ חידה,

אין האַרץ טונקל. ווער ווייס וואָס אין הייכן איז פאַרשריבן,

ער ווייס נאָר: אַ ספק האָט זיך אין זיין האַרץ פאַרקליבן.
ער הערט אַ שטילן קול: אַריאל היט זיך אויס פון אַן עבירה,
נישטאָ קיין ברירה:
גלייב.
בטחון. גלויבן. האָפן —
אַז דאָרט אין הימלען ליגט דער פנקס אָפן —
בטחון. אמונה. האָפן. אַ ציגל אויף אַ ציגל.
פון זיי געבויט דיין יידיש היים.
קוק אַריין אין יידישן שפּיגל:
גם כי אלך בגיא צלמוות לא אירא רע, כי אתה עמדי —
אַפּיקורסעווען?
אַ פרעמדע מאָדע.
אין הלכות־מאַרש אין שטענדיקן
דריי ווערטער פאַרשריבן: בטחון. אמונה. האָפן.
מיט זיי הויבט אָן אַ ייד, מיט זיי דאַרף ער ענדיקן.
בלינד
און טויב איז דער, וואָס זעט ניט זינד
אין ספק.
אַריאל געדענקט: דער אַלטער שמש האָט גערעדט קלאָר:
שבתי צבי וועט ניט אויפשטיין תחיית המתים.

כח.

אַריאל אין דער מתנגדישער היים האָט געגלייבט אין דער
חסידישער מעשה.
די חסידישע מעשה — לויטער גאָלד. נישטאָ קיין בעל גאווה,

נישטאָ דער באַרימער.
געגלייבט אַז דער נעמיראָווער איז געקומען איינהייצן
ביי אַ קראַנקער ייִדענע אין אַ קאַלטן צימער.
געגלייבט — אַז אין קאַלטע שטיבער ביי אַלטע ייִדן
קומט אַ למדווניק אָנצינדן אַ פייער און איז צופרידן
פון די קליינע מצוהלעך.
געגלייבט אַז די חסידישע מעשה האָט געפונען
אין מרחקים אַלע זונען.
דער מתנגד אין אים שטייט אין דרויסן,
פרובירט דעם חסיד ניט אַריינלאָזן אין היכל.
שטייט אַמאָל אַריאל מיט אַן אומעטיקן שמייכל
און טראַכט: ווער בין איך? אַ חסיד? אַ מתנגד?
אַ חוקר? צו אַ מגיד?
שוין אין די יונגע יאָרן, האָט ער געזוכט אַ שלל מיט פאַרבן.
שוין אין די יונגע יאָרן איז ער פול געווען מיט קנייטשן
און די קאַרבן
האָבן מכריז ומודיע געווען:
דאָ גייט אַריאל אַ חסידישער מתנגד אַ מתנגדישער חסיד.
און אויף זיינע ווײַעס:
אַ סך זריחות און אַ סך שקיעות.
אַ בר־שכל? אַ בר־דעת?
נאָר איבער אַלץ האָט ליב געהאַט אַריאל די לעבעדיקע גאַס.
די גאַס מיט מענטשן. מיט המון.
אויב אַפילו — דער יצר הרע האָט אַריינגעמורמלט:
בלייב אַליין.
ביחידות.
האָט ער פאַרשטאַנען:
ביים באַרג סיני איז ער מיט דער ייִדישער גאַס געשטאַנען.
מיט לייב

און לעבן האָט ער פֿאַרזאָגט
זיין טאָג:
פֿאַרבלייב
מיט דיין יִידישער גאַס. אין דעם יִדישן המון ליגט באַהאַלטן
דער כח פֿון די בערד. פֿון די פּיאות. פֿון געשטאַלטן
זוניקע. צעשטראַלטע.

דער זכרון לענג אויס זיין לעבן האָט שטענדיק געצונדן
אויף זיין שטח די ליכטיקע געשטאַלטן.
טאַטע־מאַמע — קיינמאָל פֿון זכרון ניט פֿאַרשוווּנדן.
צו ניכטער. צו בגילופֿן,
ער הערט: זיי רופֿן:
געדענק. געדענק דעם סליאַד
לעדי עד.

כט.

אויף אַ יאַריד האָט אַריאל אַמאָל געזען אַ גוי,
אומברחמנותדיק הויך,
אַנטקעגן אים אַ יִידל בלייך,
מיט אַ תהילימל אין האַנט.
פֿאַרקוקט
דעם גוי אין די אויגן: רשעות. פּעך. פֿלאַם.
דאָס יִידל — מיט פּסוקים
אויף די ליפּן, אַ זון פֿון זיין שטאַם.
געוואָלט וויסן, פֿאַרשטיין, צו קען אַ יִידל

אויף די גאַסן קעגן טראָמפּייט און פּויק
מיט אָנגעצויגענע סטרונעס אויף זיין פידל
שפּילן צוזאַמען אין איין אָרקעסטער.
אַריאל האָט געזען פאַר זיך צייטן. דורות.
אַ סך פּחדים. אַ סך מורא׳ס.
ער האָט געמורמלט שטיל צו זיך: איינער פון זיי וועט זיין אַ קרבן.
אַ קרבן חטאת. אַ קרבן שלמים.
דער גוי — אַ פּאָר ידים. אַ קאַרק.
זיין ייִדעלע: אין גוף, מומים,
קליינינקע. אָבער מומים.
אָט זע, האָט אַריאל זיך פאַרטראַכט: אויך דאָ אַ באַרג,
נאָר אַנדערש — דער גוייִשער באַרג, —
אָן עקדה. אָן אַ באַראַן. אָן אַ חלף. אָן אַ מזבח.
דער ריח
פון בלוט רייסט זיך ווי אַ רויך אין הימל אַריין.

אַריאלן באַגלייט דער גוי אויפן יריד ביינאַכט. בייטאָג.
ער טראַגט
אין זיינע בלוטן דעם פּחד פון די גוייִשע אויגן.
אויפן ראַנד
פון שקיעות — אַ פייער בראַנד.
דערנער ברענען און ברענען און קיינער לעשט ניט די דערנער.
דער באַראַן מיט די הערנער
האָט זיך ניט פאַרפּלאָנטערט.
די עקדה האָט זיך ניט געענדיקט. אין דער תורה פעלט אַ שורה.
שרה וואַרט און וואַרט,
אפשר וועט איר עמעצער ברענגען די בשורה,
אַז די גאַנצע מעשה פון דער עקדה איז לאַ היה ולא נברא.
דער גרויסער קרבן־פּרווו — אַ ליגן.

אויף איר זונס האַלדז קיינמאָל קיין חלף ניט געלעגן.
רויִק זענען היינטיקע און תנכישע וועגן...

נאָר פאַרוואָס גייט אַריאלן נאָך דער גוי פון יענעם יריד.
דער קאַרק. די ידים. די פלייצע.
פאַרוואָס הערט ער כליפּען זיין ייִד אין זיין המוציא,
אין זיין אָרעמען ביס?

היינט ווייס אַריאל: דער מלאך האָט פאַרשפּעטיקט.
פאַרשפּעטיקט.

ל.

אַריאל האָט געזען דעם אר״י הקדוש, נישט נאָר אין צפת.
ער האָט אים געזען אויף אַ קאָברינער גאַס,
שטיין אין סודות איינגעהילט. ער האָט אים געזען אין געסעלעך,
אין אַרום,
ווו יעדער חלום, יעדער סוד, האָט אָנגעקלאַפּט אין הימלען שטום,
מיט אַ באַזונדער שפּראַך,
אַ שפּראַך וואָס איז געזעסן ווי אַ וואָרקענדיקע טויב
אויף דיין שטרויענעם דאַך.
אַריאל איז געשטאַנען אַליין, סאָלאָ
און זיך איינגעהערט צו די מיזמורים:
„אזמר בשבחין", „אסדר לסעודתא", „בני היכלא"
מיזמורים שבתדיקע, — און מיט אים מיטן אר״י הקדוש
האָט ער געזוכט באַשייד

אין ווערטער הייליקע פול מיט צער און פרייד.
עמעץ ווער האָט אַריאלן איינגערוימט אין אויער, אַז דער אר״י ז״ל
האָט געזאָגט: ת ש ו ב ה מאַכט: תענית, שק ואפר, בכיה, הספד,—
און אַריאל האָט קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער קוואַל
פון תשובה טראָגט אַ קוואַל מיט טרויער.
קען פרייד דעם בנין תשובה קיינמאָל בויען?
(אין זיין לעבן איז אַריאל געוואָרן אַ בעל נסיון,
תשובה דאַרףביידע זאַכן: פרייד און צער. אַן אָפענע מגילה
און אין איר: איוב, תהילים און תפילה
ממעמקים...)

אַריאל האָט דעם הייליקן מקובל געטראָפן אין זיין שטעטל.
אין מילנערס ווייסן מיל.
אין שכלדיקן רב,
אין מגיד מיט געפיל,
אין הימל מיט אַלע פאַרבן אויסגעשטערנט,
אין פראָסטן ייִד,
און אין דער אָפענער גמרא, וווּ זיין ייִד האָט געלערנט
חכמה, הלכה און ברכות כדי צו בענטשן
פעלדער, גאָט און מענטשן.

אַריאל איז געווען אַ ברודער פון מקובל, ר׳ חיימקע וויטאַל
האָט מיט אים געטרונקען פון דעם זעלביקן קוואַל,
און ביידע,
מיט אלקבצ׳ן געזונגען האָבן זיי: לכה דודי.
התגלות.
אַריאל האָט אין דער עטרה פון זיין טאַטנס טלית
געזען זיי אַלע, די הייליקע מקובלים.

נאָך הײַנט קומט צו אים דער חלום
פון זײַן שטעטל. דער חלום האָט אים צוגעדעקט, געלײַטערט,
פון אר״י הקדוש אין קאָברין האָט אַריאל קײנמאָל זיך
דערוויטערט.

לא.

אַריאל געדענקט: אַ בוים האָט אַרײַנגעקוקט אין פענצטער
פון זײַן הײם.
אַ בוים אָן פּירות. אַ בוים מיט ברײטע צווײַגן.
אַמאָל האָט דער בוים מתפּלל געווען מיט פײגלען,
אַמאָל מיט שווײַגן,
אַ בוים אָן פּירות, אַ באַבלעטערטער מיט שאָטן.
אַריאל געדענקט פון חומש, פאַרשריבן אין „דברים״
(אָן דעם חומש איז אַריאל אַ גרויסער אביון. אָרעם):
„אַז דו וועסט באַלאַגערן אַ שטאָט פיל טעג, צו האַלטן מלחמה
אויף איר,
כדי זי אײַנצונעמען, זאָלסטו ניט צעשטערן אירע בײמער דורך
אויפהײבן אַ האַק; ווײַל עסן פון זײ מעגסטו, אָבער
זײ אָפּהאַקן טאָרסטו ניט; ווײַל איז דען דער בוים פון פעלד
אַ מענטש,
צו זײַן אין באַלאַגערונג פון דיר?״
דער בוים האָט אין אַריאלן געבוירן אַ שיר נאָך אַ שיר.
יעדעס מאָל האָט ער אין בוים דערשפּירט אַ נײעם
רעיון;
ממש: אָן עץ הדעת און אָן עץ החיים.

די פייגעלעך אויף דעם בוים האָבן געהאַט אַ כּוח
זיין וועלט פון מאָל צו מאָל באַנייען.
קיין נעסט אויף דעם בוים זענען ניט געווען,
נאָר געשען
איז שטענדיק אַ התגלות:
אַ סך פייגלען האָבן אָפּגעפּראַוועט אַ מנין
ווי איינגעוויקלט זענען אַלע געווען אין אַ תכלתדיקן טלית.
אַ שליח ציבור איז געשטאַנען אויף אַ צווייג
און האָט געזונגען
און אַרום, פישטשענדיקע פייגעלעך זיינען לעבעדיק געשפּרונגען,
ווי מלאכים פאַר דעם כּסא הכּבוד.

אַריאל געדענקט: דער בוים איז ניט עלנט געווען.
דער בוים איז קיינמאָל ניט געווען אַליין.
טוי — אין די פרימאָרגנס, און פולע זשמעניעס חן.
פאַרוואָס זינגט היינט אַריאל דעם בוים אַ קינה?
ווייל פעלן פעלט אים די נגינה
פון זיין היימישן בוים.
אַ בוים — ווי אַ ליד, מיט גראַם. מיט טאַקט.
פרעגט אַריאל: ווער האָט די צווייגן אָפּגעהאַקט?
ווער האָט דעם וואָרצל אויסגעריסן, אויסגעריסן מיטן גלויבן
אַז דאָרט וועט דער בוים שוין קיינמאָל צו די שטערן זיך דערהויבן.
אַז קיין צווייגעלע איז דאָרטן ניט פאַרבליבן.
אַזוי האָט אַ שרייבער אויף די חורבן־בלעטער שוין פאַרשריבן.
פאַרשרייבט אַריאל: דער זכרון — חי וקיים,
אַ זכרון פון אַ בוים וואָס איז געווען פאַר אים
אַ בוים פון שירה און עץ החיים.

לב.

אַריאל האָט גענומען פאַר זיך די לבנה.
אַרום דער לבנה אין אַ ליכטיקער נאַכט האָבן געקרייזט שטערן.
אַריאל האָט אין לעבן נישט געוואָלט זיין אַ לאַמטערן
מיט אַ קליין פלעמל.
אַריאל האָט גענומען פאַר זיך צוויי פליגל פון אַ פויגל.
דעם ים און די כוואַליעס. מ׳דאַרף פּרובירן
אַ פלי טאָן אין הייכן.
וואָס איז בעצם דאָ צו פאַרלירן?
דאָס פיצל לעבן? דאָס פיצל וועלט?
מילא. אָבער ליכטיק זאָל זיין.
צעהעלט
זאָלן זיין די טעג. אַ סך פאַרבן.
אַ סך קאָלירן.
פילפאַרביקייט קען דערפירן
צו טיפקייטן. צו גרויסע סודות.
עדות:
די לבנה. דער שטערן. דער ים. די צוויי פליגל פון אַ פויגל.

אַריאל האָט אויך מיטגענומען אויף זיין וועג אַ וואָלקן.
אַמאָל לאָזט ער זיך אַראָפּביים פענצטער. אַ ברוגזער
מיט אומעט אָנגעפּאַקט.
אַריאל פאַרהאַקט
די לאָדנס. עס העלפט ניט. דער וואָלקן ליגט און דראָט.
ווי אַ גאָט
אָן חסד. אָן רחמים. אַ גאָט וואָס פאַרסמט
דיין לעבן.

אויב אַפילו זיין וועלט מיט הלכה פאַרצאַמט.
עס העלפט ניט קיין גדר .אין דיין תחום
ליגט אַ וואַלקן
וואָס בייסט זיך איין שטום
פאַרביטערט אין זיינע טעג און נעכט.

אַריאל האָט געבויט אַ רעיון נאָך אַ רעיון:
ווי אַזוי קען מען זיך פון דעם וואָלקן באַפרייען?
אַמאָל האָט זיך אים געדאַכט:
אָט שוין אַ באַפרייטער. אין מרחקים אַוועק איז זיין נאַכט
און דער טאָג טרעלט
ווי אַ פויגל. נאָר אַ ליגן איז פאַרבליבן דער חלום.
דעם דמיון האָבן פליגלען פאַרפעלט.
ביז היינט צו טאָג, שוין אין זיינע רייפע יאָרן
האָט ער דערזען: זיינע פייגל האָבן די פעדערן פאַרלאָרן.
אַלע וייסן שוין דערפון.
זיין זון
באַגלייט אַ וואָלקן. אַ וואָלקן וואָס איז שטענדיק וואַך
און רוט זיך אָפּ אויף זיין זוניקן דאַך.

לג.

פון דער אַלטער היים האָט אַריאל געבראַכט מיט זיך
קהלת און שיר השירים.ביידע צוזאַמען.
ביידע טוליען זיך צו אים, ווי אַ קינד צו דער מאַמען.
פאַר ביידע דאַרף זיין לעבן באַצאָלן:

„איך בין אַ רויז פון דעם שרון,
אַ ליליע פון די טאָלן".
באַצאָל.
גייט אים נאָך אַ שורה
פון קהלת: „חכמה איז בעסער פון גבורה
דאָך די חכמה פון דעם אָרעמאַן ווערט פאַראַכט
און זיינע רייד ווערן ניט געהערט"
האָט אַריאל ניט געוואָלט זיין קיין אָרעמאַן, און באַשערט
איז אים געווען באַצאָלן.
ער האָט באַצאָלט.
„פאַרוואָר דו ביסט שיין, פריינדן מיינע,
פאַרוואָר דו ביסט שיין".
אַריאל האָט באַצאָלט פאַר חן.
באַצאָלט מיט פולע הויפנס. באַצאָלט מזומן.
ווען קהלת האָט אָנגעהויבן אָנקלאַפּן אין טיר
און איז אַליין געקומען,
אַ ניט געבעטענער גאַסט, האָט ער אָנגעהויבן פאַרשטיין:
„געוויכטיקער פון חכמה, פון כבוד איז אַביסל נאַרישקייט".
(ווען דער שיר השירים איז אַוועק,
האָט ער עראַזמוס פון ראָטערדאַם לעם קהלת
אַוועקגעשטעלט אין זיין ביבליאָטעק).
אַביסל נאַרישקייט. פון חן זיך קיינמאָל ניט געשיידט,
נאָר די חכמה האָט ער אָנגעהויבן פיינט האָבן,
פיינט האָבן ווי דעם טויט,
און דאָס האַרץ האָט געבענקט
נאָך אַביסל נאַרישקייט.

דער שיר השירים האָט אַריאלן געגעבן הימל,
קהלת — ערד.

און געגלויבט האָט ער קהלתן:
„אויב די וואָלקנס ווערן פול מיט רעגן
ליידיקן זיי זיך אויס אויף דער ערד״
מ׳קען עס ניט פאַרמיידן.
כה אמר קהלת: „ווער עס קוקט אויף די וואָלקנס — וועט ניט שניידן״

אַריאל האָט געבענקט נאָך שניט,
ווי נאָך די טריט
פון דער שענסטער פון די פרויען,
ווי טרוקענע פעלדער בענקען נאָך טויען.

קהלת און שיר השירים. אַריאל הערט זייערע טריט אין זיין וואָרט.
דאָ און דאָרט.
אומעטום:
ווען זיין וואָרט רעדט. ווען זיין וואָרט איז שטום.

לד.

פון דער אַלטער היים האָט אַריאל מיטגענומען מיט זיך פולע קוישן
מיט טיפע אויגן. טיפע קנייטשן און ווייסע בערד.
ביז היינט רוישן
זיי אין זיינע בלוטן.
אַלע זיבן הימלען פאַרלירן זייער ווערט
ווען אַריאל קוקט אַריבער
צו יענע טיפע קנייטשן.

אַריאל טראָגט אין זיך די גריבער —
ווו נאָר עס קומט אָן זיין טראָט:
צו אַ שמועס מיט אַ מענטש,
צו אַ תפילה פאַר זיין גאָט,
שפרינגען אים אַנטקעגן יענע וועגן, און אַלץ דערציילט — — — —
ווערט אָפּגעטיילט
דער הימל פון דער ערד.
ער דערשפּירט:
דער שכל ווערט געריכט
פון מוח און אַלע גלידער שרייען „שמע ישראל״.

שטיל ליגן אין אַריאלס טיפן יענע האָריזאָנטן.
יענע סטעזשקעס מיט די שוואַרצע פלעקן.
י ע נ ע שרעקן.
פון דעם ייִד מיט איוואַן פּאָפּאָרילאָ.
וויל אַריאל זיך באַפרייען
פון יענע שרעקן. פון יענע פחדים.
קוקט ער אויף די נייע בגדים
פון אַ ייִד;
קוקט ער אויף דער נייער עטרה
פון דעם ייִדישן טלית —
און ער זעט ווי די קאָרע
איז צוריק געוואָרן וואָרצל;
און דער דלות —
צוריק עשירות.
ווערט אים לייכטער? חלילה וחלילה.
נישטאָ קיין שטילע
מינוטן אין זיין לעבן.
נאָר קליינע טויעלעד דערווייל. נאָר קליינע טראָפּעלעד. דערווייל.

אין גואייל
די טריט. מ'קען פאַרשפּעטיקן. שערי שמים נאָך ניט אָפן.
ס'האָט זיך שוין געטראָפן
אַז יוסף די־לה־ריינה האָט משיח'ן פאַרשפּעטיקט — —
ס'האָט זיך שוין געטראָפן.
שערי שמים נאָך ניט אָפן.

לה.

פון דער אַלטער היים האָט אַריאל געבראַכט מיט זיך
אַ מורא פאַרן כאַם.
אַ מורא פאַר דער האַק
וואָס פאַרמעסט זיך טאָג און נאַכט אויסהאַקן זיין שטאַם.
אַ פחד און אַ ציטער פאַר אַ ייד אַ נע־ונדניק
וואָס נעמט זיין זאַק
און גייט —
ביז דער טויט
געפינט אים אויף די וועגן.
דערזעט אַריאל ווי אַן ערל זשלאַקעט פון אַ פלאַש,
שטייט פאַר אים אַ שענק —
און נאָכן שענק
געדענקט
אַריאל: קעפ. קעפ מיט בלוט. איך שווער:
אויב ס'פאַרקייקלט זיך אין אַריאלס אויגן סתם אַ טרער, —
איז עס דער זכרון פון יענע טעג, וואָס האָט אַזוי פיל קעפ
געשפּאָלטן,

טעג — פֿאַרשאָלטן
פֿון גאָט און מענטש.

פֿון דער אַלטער היים האָט אַריאל געבראַכט מיט זיך
אַ מורא פֿאַרן צלם.
אַ פּחד פֿאַר דער האַק פֿון קריסטלעכן גולם.
אַ מורא פֿאַר די געטשקעס דאָ און דאָרט,
פֿאַר „פּאָטער נאָסטער"
פֿאַר אַ וואָרט
וואָס ווערט באַגאָסן מיט „הייליק וואַסער".
אַריאל געדענקט: דער גוי טרינקט,
און די צערקוועס שטינקט
מיט שנאה צו אים. צו זיין מאַמען. צו זיין טאַטן.
יהודה איש קריות האָט ניט פֿאַרראַטן — —
ער געדענקט: אַ פּראָצעסיע. אַ גלח אין אַ ווייסן קיטל.
ער, אַ קליינינקער, —
געמוזט אַראָפּנעמען דאָס היטל,
לויפֿט אים נאָך ביז היינט אַ כמאַרע.
אַ פּוסטע שטאָט.
אַ ממזר. אַ גאָט.
וועגן, ווו דער קרייץ איז געשטאַנען און געדראָט.
אַ שטן. אַ סמך־מם.
בלעטלעך פֿון קידוש השם.
אַריאל קען פֿון יענע בלעטלעך ניט אַנטלויפֿן.
זיי פּענטען אים. זיי האַלטן אים
אין פֿייערדיקע רייפֿן.
— — —
דאָ, אונטער אַ בלויען הימל האָט אַריאל מער פֿאַרשטאַנען
און דערזען —
וואָס ד אָ ר ט איז געווען.

לו.

אַריאל האָט מיטגענומען פון זיין היים
שטילע פריידן און שטילן אומעט.
סודותדיק, געהיים
גייען זיי אים נאָך. זעט אויס אַז אין וויגל
האָט ער זיי געירשנט פון דער מאַמעס ניגון.
שטילע פריידן, שטילער אומעט ליגט אין אים פאַרריגלט.
ביידע — דער קנויט
פון זיין לעמפּל.
דער שטילער אומעט בויט
אַ וועלט אַ פאַרחלומטע. ניט שטענדיק איז דער חלום אים געראָטן.
זיין שמייכל — פון שטילע פריידן אויסגעקנאָטן.
ס'העלפּט נישט. יאָרן קומען, לויפן.
יאָרן ברענגען פּעק פאַרזאָרגטקייט.
יאָרן — ווי רייפן
נעמען אים אַרום אַמאָל פאַרטרויערט,
בעט ער זיך ביים גאָט פון שטילע פריידן:
זאָל דער הימל ווערן בלאָ און בלויער.
זאָלן גראָזן ריידן.
ווערט אַמאָל דער הימל בלויער. ווערט אַמאָל אַ רעגנבויגן
ווערט אַ פּרינץ דער בעטלער. ווערט דער קבצן — מלך.
ווערט אַריאל פריילעך.

שטילער אומעט, שטילע פריידן בעלי בתים פון זיין טאָג און נאַכט.
אין דער אַלטער היים — מיט ביידע גוט פאַרבראַכט.

אַ געשאַנק.
פאַרביידע דעם שר פון לעבן אָפּגעדאַנקט.
צו זיי איז צוגעקומען אַ פאַרטראַכטער שווייגן. ער האָט אים
ביים הענטל אָנגענומען, —
און אַזוי איז ער צו שירה אָנגעקומען.
אָנגעקומען — און געזאָגט די געסט:
ווען עס ברויזט אַ ווינט
אין דרויסן האָט איר טריי מיין ליד געדינט.
אין אַ טאָג אַ קאַלטן
מיין פערז אונטערגעהאַלטן.
אַזוי זאָגט אַריאל און בענטשט די באַגלייטער.
איז ניט קיין חידוש, אַז זעלטן־זעלטן
קלאָגט זיך אַריאל אויף די ווינטערדיקע קעלטן
אין זיין וואָרט.
ער טוט זיך שטיל פאַרבויגן,
ער ווייס: באַלד וועלן די שטילע פריידן פאָרלייגן
אַ שמייכל.

אַריאל קען באַשטיין:
בשלום לעבן מיט געלעכטער און געוויין.

לז.

אַריאל איז נאָך ווייט פון הויכן עלטער, ווייט, נאָך ווייט,
נאָר ס׳האָט די צייט
אים אָנגעזאָגט אַזוי:

קלייב אויף אַ פּונק נאָך אַ פּונק,
שעפּ אויס פון דיין עמער אַ טרונק נאָך אַ טרונק, —

ווי משה האַק אין שטיין
פון זכרון, —
וויל גאָט פירט דיין חשבון
פון דיין רוח, געביין
און פון יאָרן.
פאַרשרייב, און ניט פאַרגעס אַ קאָמע, אַ פּונקט,
און זאָל אין דעם אָפּגרונט
ניט ווערן דערטרונקען אַ פּינטעלע בלוי, אַ פּינטעלע גרוי —
פאַשרייב און פאַרקריץ גענוי.

אין דיין אַלטן הויז ליגן פּערל. שטרעק אויס דיין האַנט,
אַלץ איז נאָענט און אייגן,
קיינער האָט ניט אָפּגעשאַצט גענוג דיין טאַטנס אויגן
ביים ניגון פון „כל נדרי".
פאַרשרייב: אין ממשותדיקן לעבן פון דיין היים
האָט געהאַט די שליטה באַשיידן און שטיל
דיין מאַמעס תחינה.
איר געפיל
ווי אויפגעוואַכטע גראָזן גרינע
אין אַ זומערדיקן גאָרטן.
אין רעאַלן לעבן פון דיין היים, אַריאל, איז געווען צעגליט
אַ פּונק. אַ פלאַם.
דיין טאַטע איז געווען דער שמיד
אין קודשא־בריך־הוא'ס קוזניע.
אין פרימאָרגנס געפירט מיט אים אַ שמועס
און גערעדט

פון שחר ביז שפעט, גאַר שפעט,
מיט זיין בורא, און דערלאַנגט אים דוד המלכ׳ס פסוקים
מיט זיסקייט און מיט חן,
אַז יעדער מלאך האָט געענטפערט אָמן, און צוגעשמייכלט:
ס׳איז שיין.

פאַרשרייב אין דיינע סטראָפן,
אַלע מעשים. אַלע תפילות. דעם וווּנדער פון די שבת ליכט.
און אַלץ וואָס האָט זיך דאָרט געטראָפן
וועב אַריין אין דיין געדיכט.
און זאָג דער וועלט קלאָר און אָפן: וועלט, דו האָסט אַ גרויסן טעות,
אויב אַריאל וועט פאַרגעסן די אמהות
פון זיין מאַמעס תחינה.
און אויב דו מיינסט, אכזריותדיקע וועלט, אַז אַלץ וואָס דאָרט געווען
איז ניט געשטויגן, ניט געפלויגן, —
וועל איך דערציילן די לעגענדע פון מיין היים, פון אירע ברענענדיקע אויגן.

לח.

פון וואַנעט קומט צו אַריאלן דאָס פעקל ליצנות
וואָס ער טראָגט מיט זיינע ערנסטע ניט דערזאָגטע ווערטער?
בנאמנות
אַריאל ווייס ניט. ער וועט קיין ענטפער געבן.

נאָר אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער געוווּסט:
דאָס לעבן

איז ניט כּולו מראה כּהן, אָדער מראה־נביא.
דאָס לעבן האָט אויך ליב אַ ביסעלע קאַטאָוועס.
דו גייסט אַרויף אויף שטיגן:
העכער. העכער. אָט האַלסטו שוין דעם הימל אין דיין האַנט.
אין דיין נשמה צעוויגן
זיך קליינע שטורעמס. מ׳רופט זיין אָן: פּראָבלעמען.
האָסטו נישט קיין אַנדער וועג:
נעמען
אַלץ וואָס פאַרהויקערט דיר דיין לעבן,
אַוועקשטעלן, ווי אַ קאַראַוואַן,
און אַ שפּאַן
טאָן, צו אַ ביסעלע ליצנות. אָט ביסטו שוין אַן אַנדערער,
די שמחה און דער צער גייען זיך פונאַנדער,
און דו דערזעסט: דאָס ליצנות האָט דעם נס געמאַכט.
נישט איין מאָל האָט אַריאל זיך פאַרטראַכט:
שפּינאָזע און טשאַרלי טשאַפּלין קענען לעבן בשלום,
ווי דער חלום
מיטן וואָר.
שאָפּענהויערן און שלום עליכמען קען מען שווייסן:
צוזאַמען זענען זיי אַ פּאָר.
מ׳קען בלאָזן אויף קאַלטן. מ׳קען בלאָזן אויף הייסן.
אַריאל האָט זיך ניט באַצויגן צו ליצנות מיט ביטול.
ביידע אַ מיטל
דורכגיין די ניט ברוקירטע שאָסייען;
ביידע העלפן זען אַ גרויע ערד און אַריינקוקן אין אַ הימל
אַ בלויען,

און אין טאָג פון נסיון
אויסהאַלטן די קלעפּ פון האַמערס אויף קאָוואַדלעס.

ליצנות, זאָגט אַריאל, איז גדלות.
ליצנות איז טרעף צו הייכן.
מ'דאַרף נאָר איר טיפקייט לערנען
און דערגרייכן
די מדרגות
פון דעם בנין.

ליצנות איז אַן ענין
וואָס האָט אַריאלס לעבן באַרייכערט.
זיין היים געקנאָטן
פון דער איראָניע, פון גרויסן חכם־לץ היינריך היינע.
די וועלט איז זיינע.

לט.

היינט זעט אַריאל: אין זיינע יונגע יאָרן
האָט ער שוין געהאַט אַ חשבון מיט יידישע דורות.
אַ חשבון מיט אַלע פחדים. מיט אַלע מורא'ס.
אַ חשבון מיט יידישע גבורים.
נישט געוואָלט האָט אַריאל
פאַלן כורעים
אין דעם היכל פון די אַלטע יידישע בלעטער.

עפעס האָט זיך געבונטעוועט אין אים.
די שטים
פון פאַלשע משיחים האָט אים באַהערשט.
זאָל זיין אַ פאַלשער משיח,
אָבער דאָך אַ משיח.
נישט געוואָלט אָפּטמאָל זאָגן אמן
צו זיין ליבן נאָמען
נאָך פּאָגראָמען.
אויך דער יתגדל ויתקדש
נאָך אַ טויט קינד האָט אַרויסגעכליפּעט
פון זיינע טיפן מיט ספק. מיט גאַל.
ניין: נישט אַזאַ איז דער פינאַל
פון אַ פיצל קינד, פון אַ יונגן יתומל...
מעג ער פרעגן מיט פאַרדראָס:
אויב אַריאלס לעבן איז אַ משכון, אַ פקדון, —
פאַרוואָס?
און אַ תשובה וויל ער:
פאַרוואָס זיין נישטיקייט?
ער איז דאָך בחיר היצירה...

אין זיין בגרותדיקער שירה
האָט דער ספק אויפגעפראַלט אַ ברייטן טויער
ברייט — ווי דער טרויער
פון זיין היים
נאָך דער שרפה.
ניין, נישט מצליח איז געווען דער בורא עולם

אין זיין אַרבעט. ניט קיין מייסטערווערק האָט ער באַשאַפֿן,
נאָר משרתים. באַנקראָטירטע שרפים. שקלאַפֿן —
וואָס בויען ביידלעך אויף וואָלוולע ירידן.

איז די וועלט פֿאַרענדיקט?
אפשר נאָך אין קאָך?
ניט געוואָלט האָט אַריאל שוין אין זיינע יונגע יאָרן
טראָגן דעם בורא עולמ׳ס יאָך.

מ.

אַריאל האָט מיטגענומען פֿון זיין היים אַלע לעגענדעס:
פֿון שור הבר, פֿון לויתן.
די לעגענדעס האָבן נישט געוווּסט פֿון צוימען,
נישט פֿון מאָסן,
דער יין המשומר האָט זיך צעגאָסן
אין די ווערטער, מיט אַזאַ מתיקות, ער געדענקט זיין טעם
ביז היינט.
דער הימל פֿון גן עדן איז געלעגן אויסגעשפּרייט, און פֿון אויבן
האָט געוווּנקען אַ שטערן —
מ׳רופֿט דעם שטערן: גלויבן.
אַריאל האָט ליב געהאַט הגדות.
נאָענט איז ער געווען מיט זיי, פֿון זייער חן קיינמאָל ניט
אַנטלאָפֿן, —
אַמאָל האָט ער אַ מלאך אויפֿן וועג געטראָפֿן
און גערעדט מיט אים:
קודם

פון לעבן און פון שטאַרבן,
פון אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט פּאָליצע און בוידעם, —
ווייל דעם מלאך האָט אַריאל געזען בצורת מענטש, אַ שכן,
וואָס איז אַריין פראָסט און פשוט פרעגן:
וועלכע וועגן
פירן צו דעם שבת און צו דעם אינדערוואָכן...

די הגדות זענען געווען געשטריקט פון סאַמעט און פון זייד.
פון שמחה און פון לייד,
אַלע פענצטער, אַלע טירן — צעפראַלט,
אַלץ — צעוואַקלט,
אַלץ האָט זיך געריסן צו די שפּיצן.
אַ מאָל האָט ער געזען אויף צווייגן פון דיביימער
שטערן זיצן
און פירן אַ וויכוח.
די ווערטער — אָנגעשאַרפטע פיילן,
יעדעס וואָרט האָט מען געהערט אויף מיילן.
ווייל לעגענדע ווייס ניט פון קיין גדר.
נישט יעדער
קען הערן די קולות אויף זייערע וועגן, נישט יעדערער קען שפּרייזן,
נישט יעדערער קען די טיפקייטן באַווייזן — —
ער, אַריאל האָט געהאַט אַן אָפן
אויער.
זייער געזאַנג האָט ער געטראָפן
אין טיר און טויער.

לעגענדעס האָבן אַריאלן געפירט אויף מאַרק און גאַס.
צום גרעסטן עקסטאַז.
ביז היינט צו טאָג קען זיך אַריאל אָן דער לעגענדע ניט באַגיין:
זי שטעקט אין זיינע פריידן. זי שטעקט אין זיין געוויין.

מא.

אין ביידע זייטן פעלדער, אַרום — ברייטע וועגן,
שניטערנס איינגעבויגענע מיט סערפּן אין די הענט.
אַ וואָלקן דראָט: באַלד קומט אַ רעגן.
די סטעזשקעס און די וועגן האָבן אַריאלן דערקענט.
נישט איין מאָל דאָרט, הינטער דער שטאָט
אַרויס איז ער מיט אַ בוך אין האַנט. געלייענט.
געוואָלט פאַרשטיין: איז דאָ אַ גאָט
וואָס היט די טריט פון מענטש און פירט אים דורך די צייטן,
דורך מרחקים, שטחים.
און וואָס איז דאָרט, ווו די האָריזאָנטן לאָזן זיך אַראָפּ,
דאָרט אין די ווייטן,
ווער וואַרט אויף אים.
צוויי שכנישע וועגן טרעפן זיך צוזאַמען, אַ ווינטל לויפט דורך
און דראָט די וואָלקנדלעך צעטרייבן.
די שניטערס אויף פעלדער קלייבן
זאַנגען.
עס פייפט אַ צוג. טיף און שניידיק איז דער פייף פון באַן.
ער קוקט אים נאָך, און אַריאל איז פאַרבענקט. שטייט ער מיט
אַ געפאַלענעם געמיט:
ווייט דאָרט איז פאַראַן
אַן אַנדער וועג. מ'דאַרף אַוועק. עס ווילן טריט
אַוועק. פאַרלאָזן אַלע וועגן. זיין יידישע נשמה האָט אַ חשבון
מיט די פעלדער.
פרעמדע. עס בלאָזט אויף זיי זיין טרויער.
אין די ווייטן וואַרפט ער זיינע בליקן.
אויף די פעלדער זעט ער ברענענדיקע בריקן.

די נשמה זוכט אַ תיקון.

נאָענט צו די גויישע שליאַכן בויט אַ ייִד זיין הויז.
אַ היפּשע שטוב. אַ גרויסע.
מהיכי תיתי,
זאָל אַ ייִד בויען.
נאָר ניט ווייט פון זיין שטוב סטראָיען
גויים אַ יויזל. קען זיין שטוב לעבן אין שאָטן פון דעם יויזל?
גויים האָבן געדולד. גויים וואַרטן.
דער ייִד זאָל זיין שטוב פאַרענדיקן.
זיי וועלן זיך דערוואַרטן.
דער יויזל וועט זיין דער יורש.
אַריאלן פאַלט אַרויס דער ספר. עס לויפט אים נאָך זיין שאָטן.
אויף די וועגן געבליבן איז אַריאל אויף עמלקס באַראָטן.
באַראָטן.

דער יויזל שרעקט.
אַ ווינטל האָט אַריאלן אויפגעוועקט.
ווו זענען די שניטערנס? פאַרשוווּנדן.
אין האַרץ אַזויפיל ספקות. ווונדן.
אַריאל פרעגט: וואָס טוט דאָ אַ ייִדישער ייִנגל?

מב.

אַ גייער. און געגאַנגען איז ער פון בלויע אויגן
צו שוואַרצע אויגן.
פון בלאָנדע לאָקן צו שוואַרצע לאָקן.

האָט אַ וואָלקן איבער הימלען זיך פֿאַרצויגן
און דער גאָרטן זיינער ברומט דערשראָקן,
איז ער אַוועק צום האַרץ פֿון אַ געליבטער און אויף אַ קורצער צייט
געבליבן דאָרטן שטיין.
נאָר מורא נאָך געהאַט צו בלייבן אין איר וועלט,
געוואָלט האָט ער פֿאַרבלייבן מיט זיך אַליין.

ער געדענקט די אויגן, ער געדענקט איר האַרץ,
ער געדענקט איר שמייכל. ער געדענקט ווען ער איז אַריין מיט איר אין וואַלד
און באַלד
האָבן זיך דיביימער מיט זיין ניגון העל צעזונגען,
און די וואָרצלען האָבן זיך צעקלונגען,
דער רויש פֿון ווינט געוואָרן שטיל,
ווייל דאָ איז אַריין אַריאל
אין היכל פֿון געפֿיל.

אַריאל געדענקט איר שווייגן. איר וואָרט. איר געבעט.
דער טאָג איז אַוועק.
ס'ווערט שפּעט.
ער האָט אָנגעשפּיצט זיין אויער.
געוואָלט דערהערן וואָס דערציילט איר האַרץ:
ס'וועט ווערן גראָער, אָדער בלאָער, —
און ווהין וועלן אירע אויגן אים דערפֿירן.
צו איז דער אָנהייב מיט אַ תּכלית, מיט אַ זינען,
אָדער, ווי די בינען
וועלכע זשומען פֿון בלום צו בלום, וועט ער אויך זיין זשומען
לעם אַן אַנדערער פֿאַרשטומען?

אַ גייער. און ווער קען זיין דער מײַסטער
פון די מאָרגנדיקע וועגן,
אַז דאָס האַרץ איז אַן אָרקעסטער
און אַ פידל, און אַ פויק, אַ באַראַבאַן,
גייט נאָך מיט אומעט און געקלימפּער יעדן שפּאַן.

אין אַריאלן האָבן זיך געפילן אָנגעהייבן קריגן:
אַריאל זוכט אין איר זיין ניגון.
נאָר זי, איר ניגון ווייט פון אים אויף טויזנט מײַלן.
אַריאל דאַרף זיך ווייטער אײַלן
צו בלאָנדע און צו שוואַרצע לאָקן,
לויפט ער איבער סטעזשקעס, וועגן ווי אַ דערשראָקן
פערד.
אַריאל וועט נאָך אייך דערציילן
ווי ער האָט געוואַנדערט איבער בערג און טאָלן, היילן
און האָט געזוכט אַ פּאָר פייערדיקע ליפּן
זיין וועלט אין זיי פאַרקניפּן.

מג.

אַריאלס בליק איז געפאַלן אויף איר. זי האָט אין אים געעפנט אַלע קוואַלן.

אין לשער
ווי אַלץ פון איר פאַרמעג איז געוואָרן ליב און טייער.
אַלץ:
איר פעפער. איר חן. איר זאַלץ.

אין דער פרי. בייטאָג. ביינאַכט איר גאַסט.
צו איר שיכרות געווען פאַרקנסט.
אין איר וואָרט. אין איר גאַנג. אין איר חסד אַריאל איז באַטייליקט.
ער איז אַ חלק
פון איר זיין. אויך פון איר קאַפּריז,
אָנגעשאַרפט ווי אַ חלף, ווי אַ שפּיז.

אַריאל האָט ליב געהאַט מיט רמ״ח און שס״ה, מיט אַלע חושים,
אַן אָפּטער באַזוכער
אין איר גאָרטן. אַ פאַרגעניגן־זוכער.
ווייל אַלץ איז גוט געווען און שיין: ווי אַ חלום. ווי אַ לייכטער דרעמל.
אַלץ איז פלאַם.
אַלץ איז פלעמל.
אַלץ קען אָנצינדן אַ פייער. און ער, אַריאל, לייגט צו אירע פיס קרוין נאָך קרוין.
ווייל אַלץ איז גוט. ווייל אַלץ איז שיין.
דוכטן דוכט זיך אים: אין אירע בליקן
קען גאָט אַליין געפינען זין. געפינען תיקון.

אַריאל האָט ליב געהאַט. געהירזשעט ווי אַ יונגער פערד אין שטאַל.
הונגעריק, ווי אַ שאַקאַל
געוואָיעט אין דער נאַכט. געלייענט אַלע ביכער
וווּ די ליבע גייט הונגעריק אַרום און דורשטיק זוכט זי קוואַלן.
אומרויִק, נאָר זיכער
איז געווען אַריאל, אַז דער טאָג בויט פון אירע שטראַלן
היימען פאַר היימלאָזע און הונגעריקע. אַן טענה, מענה און אָן חקירה

האָט אַריאל אין איר שויס געזוכט אַ היים. אַ שטילע דירה, אַ דאַך, ווו אַלע שטערן קלאַפּן אָן ביינאַכט און טאַנצן אַ קאַדריל.

נאָר דאָס לעבן שענקט ניט קיין נדבות.
היינט טראַכט אַריאל פון קבר אבות
און פון איר. די זכרונות קענען היינט ניט קלעקן
אויפשרייבן די פחדים און די שרעקן
פון איר לעצטן וועג. פון איר וועג פאַרוויייט פון ווינטן און פאַרשנייט,

פון אַ וועג וואָס רופט זיך: טויט.
דאָס לעבן שענקט ניט קיין נדבות.
דער זכרון גייט אויף קבר אבות.
אַריאל הערט ווי דאָס לעבן זאָגט: אייביק לערן
ווי צו טראָגן אין דיין לעבן אירע טרערן.

מד.

— און זי, אַריאל געדענקט אירע שוואַרצע אויגן. נאָך היינט וויל ער זי באַשיצן

פון אימה, דונערן און בליצן.
נאָך היינט גייט נאָך דער דופט פון אירע האָר,
אַ זוניק לייב, וואָס פירט דיין גוף אויף בערג, אַלץ העכער, העכער,
וואָס פירט דיין וואָרט צום בעכער
ווין,
צו יענעם זוניקן באַגינען
ווו דו קענסט דיין וועלט געפינען.

אַריאל געדענקט אירע שוואַרצע אויגן. נאָך הײַנט צעשויבערן זײַ זײַן ליד.

נאָך הײַנט ליגט אין זײ װוּנדער־שײַן פון זונען.
שטענדיק, װען זײַן טאָג װערט מיד
פון מחשבה,
האָט ער זײַן רו אין זײ געפונען.
נאָר ניט באַשערט.
דאָס לעבן האָט פאַרװערט
ברענגען אין דײַן הײם לעבעדיקע אויגן,
דאָס לעבן האָט פאַרװערט שרײַבן װעגן לעבעדיקע יאָרן.
נאָר ניט פאַרבאָטן האָט ער
אויפן צײַטיקן זכרון,
זען די אויגן אירע אין חן און פּראַכט,
אויך װען דעם שחר האָט פאַרשניטן טויט און נאַכט.

אין בראשית־טעג האָט אַ מלאך אירע גלידער פון חן און חסד אויסגעקנאָטן.
ס'איז אים געראָטן
ברענגען אויף דער װעלט אַ מלכותדיקן רעיון.
מיט אַזעלכע, — אויב עס בלײַבט אַפילו נאָר דער שאָטן,
קען מען אַ בית עולם מיט לעבן נאָך באַנײַען.
מיט אַזעלכע, קען מען אומקערן דעם צאַפּל
פון אַן אויג, אויך װען דער שװאַרצאַפּל
איז שוין אַװעק פון זון. די ראיה גײט צו װיסן:
קענסט די אוצרות פון דער װעלט פאַרזיגלען און פאַרשליסן.

אַריאל געדענקט איר ליכט. אַריאל געדענקט איר ברען.
אַריאל גראַמט הײַנט: געװען. געװען.
װײַט, װײַט פון יענער צײַט, ממש אַ מהלך,

ווען דער מלאך
האָט געקנאָטן גליד נאָך גליד,
ווען דערזען האָט ער אין בראשית טעג, אַז אויף דער וועלט שיינט
שטילער גליק

וואָס רופט זיך פשוט אָן:
אַ בליק
פון יענע שוואַרצע אויגן.

אין מלכות פון פאַרגאַנגענע טעג, דער זכרון צעהעלטער,
דער זכרון ווערט עלטער,
נאָר די אויגן, ווי גוטע וויינטרויבן אין קעלטער.

מה.

אַ ליידיקער מאַרק. ס'איז נאָכן יריד.
אַ ייד
איז אַריין אין בית המדרש דאַוונען מנחה.
די גויים צוריק אין די דערפער אַריין.
דער מאַרק איז געבליבן אַליין.
דער שניי — אַ ווייסער טישטעך.
אויפן מאַרק הערט זיך אַ געוויין.
ווער וויינט אויף אַ ליידיקן מאַרק?
אפשר וויינט דאָרט דער ייד אין בית המדרש ביי זיין מנחה,
אָדער אפשר אַן אורח אויף די וועגן זוכט דאָ אליהו הנביא,
קיינער ווייס ניט פון וואַנעט דער וויינענדיקער טאָן.
דער מאַרק איז ליידיק. אַ קייסער אָן אַ טראָן.

פון די האַלאַבליעס שפּרינגט נאָך אַרויס אַן איינזאַמער פערד.
יידישע בערד
זענען אַוועק אַ היים.
צעפּאַטלטע יידישע בערד האָבן מער ניט היינט וואָס צו טאָן
אויף אַ ליידיקן מאַרק.

אַריאל איז געשטאַנען אויפן ליידיקן מאַרק. געוואָלט פּאַרשטיין
דעם שטילן רעש
נאָכן יריד.
געפּרוווט מיט רמז, פּרובירט מיט דרש.
געוואָלט פּאַרשטיין — ווער טראָגט אַהער געוויין
און ווי.
אַ ליידיקער מאַרק. שיכורער שוים
פון גויים פּרעסט דאָ אויף דעם יידישן טרוים.
אויפן אויבנאָן
שטייט דאָ אַ גוישער טראָן.
אַ סך טענות טראָגט אַריאל צו זיך, צו זיינע טאַטע־מאַמע, צו
גאָט אַליין.
ער הויבט אָן פּאַרשטיין:
דער געוויין
אויפן ליידיקן מאַרק, איז דער געוויין פון אַ יידישער שטוב.
פון חורבן.
פון אַ גרוב.
עס וויינט דאָ דער בית עולם. עס וויינט דאָ אַן אָרימער ייד אין
גוישע הענט.
אין אַריאלס שטאָט האָט פרייטיק געשריגן דער בעדער:
היינט אַ באָד.
קיינער האָט ניט געהערט: מאָרגן אַ בלוט־באָד.
מאָרגן: יידישע גופים אונטער גוישע רעדער.

דער מאַרק איז ליידיק. פון דער קליינער ישיבה טראָגט זיך אַ קול:
אמר אביי, אמר רבא.
אַ קבצן לויפט אַדורך און בעט אַ נדבה.
אַריאל זעט אין חלום ביינאַכט: בלוט אויפן שניי.

מו.

האַרבסט אין שטעטל. אין די שויבן קלאַפּן טראָפּנס.
ס'ווערט טונקל און טונקעלער. מעת לעתן
קלאַפּט דער רעגן אין די לאָדנס.
אַריאל האָט פאַרגעסן:
ס'איז חשוון. דער הימל איז אָנגעלאָדן
מיט כמאַרעס.
דער הימל און דאָס האַרץ.
היינט איז אַזוי נאָענט דער הימל צו דער ערד.
ער זיצט אַליין
און קליין
איז ער אין זיינע אויגן.
אַ שלעכט וועטער. אַריינגעקראָכן אומברחמנותדיק אין טיפענישן
און פּילדערט דאָרט און שרייט:
אַריאל, עס קומט אַ צייט
און אַלע וועגן ועלן פאַרפּלייצט ווערן.
זיי וואַך.
עס קומט אַ נאַכט
אויף טאָל און באַרג. דער יויזל אויף די וועגן וויל נקמה.
די כמאַרע אויפן הימל אַ הקדמה
צו די כמאַרעס אויף דיין טאָג.

דער הימל לייטערט זיך. אמת טאַקע: חשוון, אָבער די זון
קריכט אַרויס
פון אירע וואָלקנס און זאָגט אָן אַ שיינעם מאָרגן.
(אין סודותדיקע הימל־לעכער זעט אַריאל: אַ גרויסער וואָלקן
איז פאַרבאָרגן).
עס קומט אָן אַ שיינער באַגינען.
דוכטן דוכט זיך: אויך אין חשוונדיקע טעג זשומען בינען
פריילעכע און שפּרינגען פון בלום צו בלום.
אַזוי זעט אויס דער אַרום.
אַ כמאַרע קומט. אַ כמאַרע גייט אַוועק.
אַזוי אויך מיט שרעק.
אַלץ האָט זיינע מידות. אַלץ האָט זיינע מאָסן.
נישט אַלע וועגן זענען דאָ פאַרגאָסן.
ניין. נישט געקומען נאָך די צייט. נאָך נישט.
אָט איז אַ ווינטעלע דורכגעפלויגן און דערפרישט
דעם גאָרטן. דוכט זיך: חשוון, ס'ווערט וואַרעם
אין דעם דרויסן. אַריאל, שווייג, אָט זעסטו: אַלע וועגן פריש,
אומזיסט דער ליאַרעם...

אַריאל איז געשטאַנען אויפן האַרבסטיקן יריד
און געפרעגט: וואָס טוט אַ ייִד
אויף וועגן, ווו דער יויזל דראָט און דראָט.
אַריאל איז געווען דער ווינטמיל און דער דאָן קיכאָט.

מז.

דער טאָג האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און אָנגעזאָגט:

קאַטאַסטראָפע.

די האַק אונטער דיין יִדישן רעיון:
קין
דאַרף בלוט. קין קען דעם פויער, דעם אַקערער, פאַרזייער
ניט באַגלייטן.

קין לעבט אויף מאָרד.
אויף טויזנט טויטן.
דער טאָג האָט געשריגן מיט קולי־קולות:
אויף אַלע וועגן לעבן שוואַרצע ראָבן פון נבלות.
ווּ דו שטעלסט דיין פוס, — וואָיען
ווי שאַקאַלן אין לבנה־נעכט: קאַטאַסטראָפע־שעהען.
שגעון.
און אַז דער שגעון וועט זיך צעברענען פון קאַנט צו קאַנט,
פון לאַנד צו לאַנד,
איבער דאָרף־הייזלעך און פּאַלאַצן,
וועלן אַלע פידלען פון די סטרונעס פּלאַצן
און די פויק וועט פויקן איבער אַלע גאַסן, איבער אַלע מערק:
טויט.

אַריאלס יִדן האָבן ניט באַמערקט
ווי עלעגאַנט
פון לאַנד צו לאַנד, פון קאַנט צו קאַנט
גייט אַרום דער טויט אויסגעפוצט אין שוואַרץ און ברוין,
און זיין קרוין
איז: אומקום.

פאַרזשמורעטע אויגן האָט געהאַט אַריאלס דור.
ניט געגעלויבט האָט זי, אַז אירע בלאָנדע האָר
קענען ווערן ערגעץ־ווּ פאַרברענט.

נישט געגלויבט האָט ע ר, אַז אומהיימלעך ווערט די וועלט,
און ז י און ע ר האָבן ניט געהערט ס׳געשריי: דערוואַך.
עס ברענט דער פונדאַמענט. עס ברענט דער דאַך.
דאָס פייער רייסט זיך שוין צו דיינע זומערן און ווינטערס,
און הינטער
דיר שטייט מ ע פ י ס ט אָ און לאַכט און לאַכט
און לעשט פּאַמעלעך אויס דיין טאָג און ברענגט דיר נאַכט.

דער טאָג האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און אָנגעזאָגט:
ק אַ ט אַ ס ט ר אָ פ ע.
דער שדי אויף דער מזוזה האָט געשוויגן.
אַ ביסל אומעטיקער געוואָרן דער ניגון,
נאָר דער רייטער
האָט אָפּגעשמידט זיין פערד מיט נייע פּאַדקעוועס
און געפאָרן ווייטער.
אַריאל האָט באַשטימט פאָרן אַהין
וווּ אַ מאָלער מאָלט דאָס לעבן בלאָ און גרין.

מח.

אַריאל האָט דערשפּירט: עס וואַרטן אויפן דור סקילה, שריפה, הרג, חנק.
און ווער ס׳איז ניט ווידערשפּעניק
דער וועט אָנקומען צו טויערן פון גיהינום, און דאָרטן וועט ער זען
אַז אַלע פאַרבן

פון זיין לעבן, שטאַרבן,
ווייל נישט געזען האָט ער די וואָלקנס אויף דער ערד.
אַריאל האָט געזען די וואָלקנס. אַריאל האָט געזען די פלאַמען
וואָס פאַרמעסטן זיך אויף וואָרצלען
און רייסן אויס די שטאַמען.
אַריאל האָט געזען ווי ס'ברומען לייבן.
און ווער עס וויל ניט גלייבן
אַז סקילה, שריפה, הרג, חנק קלייבט זיך שוין אין וועג,
זאָל ווייטער גלייבן,
אַז יבוא עזרו וועט פון אויבן,
און אַז דאָס אייזעלע קריכט שוין אויף די וועגן מיט משיחן
צוזאַמען.

נאָר די צייט פאַרמאָגט פייערדיקע קאַמען.

אַריאל געדענקט די ייִדן זיינע. חלילה, אַ פגימה
אויפן חלף, — טרייף די שחיטה.
אַ סוכה דאַרף פאַרמאָגן אירע מידות. נאָר די שטימע
פון בלוטיקן טאַנץ ניט געהערט. אַ צעגליטע
וועלט, משוגע פון קלויסטער גלאָקן
האָט אַריאלס טאַטן ניט געשראָקן.
טויטע שאָטנס זיינען שוין געקראָכן אויף די ווענט.
אַ גלאָק האָט געקלונגען און געוואָרנט:
די וועלט ברענט,
נאָר אַריאלס טאַטע האָט שטיל געברומקעט צווישן זיינע ציין:
נאָר גאָט אַליין... נאָר גאָט אַליין...

אַריאל געדענקט די ייִדן זיינע. זייער מחזור. זייער סידור.
ער געדענקט די ברידער,

די סימנים
און דעם פּנים
פון דעם כהן ביים דוכענען: יברכך. ישמרך.
הײנט הערט ער נאָך דעם עכאָ,
דעם בת־קול, וואָס קען ביז הײנט ביידן
ניט צעשיידן:
דעם טאַטן און דעם זון.

עס ברענט פון י ע נ ע טעג דער קנויט.
אויפן מחזור בלאָזט אַ שטורעם.
אויפן מחזור שלאָפט אַ שטורעם.
אויף דער תחינה — אָפּגעהאַקטע פליגל פון יסורים.
און ער אַריאל זעט אַ חלום פון אַ רויטן לײם,
אַ חלום פון אַ היים.
אַריאלס ייִדן קומען אים צו חלום.

מט.

אַריאל האָט דערשפּירט: צווישן אָנגעשאַרפטע העק,
זײן היים — ווּנדער איבער ווּנדער.
אויף אַן אָנגעשאַרפטער זעג,
צאַפּלט זיך דער וואָרצל, צאַפּלט זיך אַ בוים
אין אָסיענדיקע טעג.
וויינט אין צער זײן היים.
יעדער טאָג אין קלעם.
די ווייסע בערד פון זיינע ייִדן ווי אַן עקדה,

ווי אַ גאַנג אויף קידוש השם.
דער אייניקל. דער טאַטע. דער זיידע.
עס גייען זיי נאָך די פלאַמען פון אויטאָ־דע־פע.
עס גייט זיי נאָך אַ מאָדערנע תליה.
זע,
האָט איין מאָל אַריאל געזאָגט צו זיין טאַטן,
זע,
די שקיעה
איז ניט קיין סנה.
זעסט, טאַטע, דאָרט ענדיקט זיך דיין הימל. דיין קדושה.
דאָ וועט גאָרניט בלייבן.
אפשר אַ זכרון. אַ ירושה
פאַר די וועלכע וועלן נעמען זעק און פעק און גיין.
טאַטע, מ'דאַרף אַריאלס ווערטער פאַרשרייבן.
אַריאל האָט געהערט זיין טאַטן שלוכצן אין געוויין.
אין זיינע בלייכע הענט
האָט אַריאל דעם חורבן דערקענט.
אַריאל האָט געוואָלט דערקענען זיינע ברידער.
זיינע ייִדן.
אַ מאָל אין חלום האָט ער דערזען אָפּגעהאַקטע גלידער.
דעם חלום האָט ער געטראָגן אינזיך אויף מאַרקן ,אויף ירידן.
קיינעם ניט דערציילט זיין חלום. נאָר ביינאַכט האָט ער דערזען:
זיין קאָפּ שלאָפט אויף שטיינער.
דער פחד ליגט אין טרוקענע ביינער,
אין מאָרגן
ליגט פאַרבאָרגן
זיין צער. אין דרויסן וויינט דער ווינט.
איז ווען דינט
זיין תפילה. ווען קען מען דאָ דערציילן דעם ציטער פון

זיין לייב?
און דאַך האָט אַ קול געשריגן אין די טיפן: פאַרבלייב.
פאַרבלייב מיט די, וועלכע וועלן מאָרגן ווי שוים
פון ים פאַרגיין
און דער טרוים
וועט ליגן מיטן גוף אויף שאַרפן פון חלפים.
שטראָף אים, שטראָף אים,
ווייל אַריאל האָט זיין חלום ניט דערציילט די ברידער זיינע,
די ייִדן
אויף אַלע מאַרקן און ירידן.

ג.

אויף גויישע וועגן האָט אַריאל געהערט:
הינט וואָיען.
עס איז אים נאָכגעגאַנגען דער בזיון
פון פחד.
זיין גאַנצן לעבן — אין מורא פאַר גויישע הינט,
פאַר גויישע ציין.
הערט אַריאל: עס צעברויזט זיך אַ ווינט,
עס קלייבט זיך אַ כמאַרע,
הערט ער געוויין
פון אַ ייִדיש קינד,
פאַרשטייט זיין ליד: גויישע הינט אויף די וועגן.
האָט ער דערזען אַ מאָל אין די אויגן פון זיין מאַמע — טרערן,
ער קען שווערן,

זיין מאַמע האָט דערפילט אויף די שטחים
אַרום: גוישע הינט.

אויף אַלע דרכים
ווייס זיין וואָרט: זיי זענען ניט פאַרשוווּנדן.
צו אַ שטריק זיינען זיי געבונדן.
לעם דער שטריק — אַ גוי, אַ שומר —
די שטריק ער וועט צעבינדן — —

ער גייט אַרויס אין פרימאָרגן — ער זעט: זיין טאַטע שטייט
אין טלית.
געמיינט האָט ער : התגלות
פון אַ תהילים־ייִד, געקומען אָפּגעבן דעם בורא
וואָס עס קומט אים.
פלוצלינג, — אַ הונט, אַ גוישער הונט.
און ער פאַר מורא
איז שטיין געבליבן
און האָט קוים די רעשטלעך פון זיין ריידן אויפגעקליבן.
דער הונט האָט דעם טלית צעריסן.

וויל ער אין זיין פּאָעמע וויסן —
ווּ זענען די אָפּגעריסענע ציצית,
ווי אַן אָפּגעפליקטער אבר.
זאָגט צו אים די פּאָעמע:
און ווּ דער קבר
פון דיין טאַטן ווייסטו? שטייט זיין וואָרט אין ספק.
שטייט זיין וואָרט אין וואַקל, —
אָט זע: דער סך הכל
פון גוישע הינט.

נאָך יאָרן לאַנג, ער ווייס : זיין גאָט, אַ ניט דערהערטער,
בויט ער זיינע שורות, בויט ער זיינע ווערטער.

נא.

אַזויפיל ליכט, אַזויפיל שאָטן
אויף יענע וועגן.
איז אַריאלן קיינמאָל ניט געראָטן
אויסזויגן דאָס ליכט ביזן סוף.
נאָר דער שטאָף
פון זיינע קליידער
איז געווען דער שאָטן.
ערגעץ־ווּ איז פאַרשווּנדן דער שטראַל.
ווייסן ווייס ניט ביז היינט אַריאל — די סיבה,
פאַרוואָס דער שאָטן איז געווען דער קעניג
און דאָס ליכט — קנעכטיש
אונטערטעניק ;
פאַרוואָס דער שאָטן איז געווען דער רייטער אין גאַלאָפּן,
און דאָס ליכט הכנעה׳דיק, צוקאָפּן
פון דעם אומעט.
פאַראַנען
טעג, רעדט צו זיך אַריאל,
ועלכע ליגן ווי טומאַנען
אויף האַרץ, נשמה. דו ווילסט אָנקומען צו זייער תהום, באַריר
מיט וואָרט, מיט שיר,
און די טעג אַנטלויפן ווייט־ווייט,
און גיי שילדער
אַ לעבן, וואָס זעט אויס ווי אָפּגעמעקטע בילדער.

אַזויפיל ליכט,
אַזויפיל שאָטן
אויף י ע נ ע וועגן.
אַזויפיל שטערן אויפן דאַך.
נאָר ווייל וואַך
געווען אַריאלס אויג, האָט ער ניט די שטערן
נאָר די וואָלקנדלעך געטראָפן אויף באַרג און טאָל,
און ווען אַמאָל
האָט זיך אים געדוכט
אַז ער האָט אָפּגעזוכט
אַ שטערן, האָט ער דערזען: דו טעותסט דאָ, אַריאל,
ס׳איז ניט קיין שטערן, נאָר אַ וואָלקן, וועלכער לויפט אַוועק
אָנשאַרפן חלפים. אָנשאַרפן די העק.
צווישן ליכט און שאָטן האָט ער געזען זיין לעבן ווי אַ פּראָנט.
דער טאָג האָט זיין חשבון אויפגעמאָנט.

אַ פייער אין זיינע טיפן האָט געגליט.
צו מזרח האָט אַריאל געשפּאַנט מיט בטחונדיקע טריט.

צו מזרח. דאָרט ווו דער טאָג
טראָגט
נייע שטורעמס.

נב.

אַריאל געדענקט: אַ משוגענער אין זיין שטעטל קאָברין.
איסר יודל „קראַץ מיר״

ס'האָט געהאַט אַ זין
זיין וואָרט, ווען ער האָט יעדן דורכגייער מיט אַ זאָג פֿאַרזונגען:
קראַץ מיר. קענסט מיר קראַצן...
אַ ווינטל האָט פֿאַרשלונגען
די טיפֿע פֿילאָזאָפֿיע פֿון איסר יודלס קראַץ מיר.
איז דיין שטיבעלע אַן אָרעמס, וויינסטו אין פֿאַלאַצן:
קראַץ מיר.
אַלע גלייך. איך משוגע, דו ביסט קלאָר,
מיר ביידע זינגען אין איין כאָר.
מיינע־דיינע קולות אין אַ הפקרדיקער וועלט זיך איינגעביסן,
דיין לעבן — גאַנץ, מיינער — איז צעריסן,
און אפֿשר גאָר פֿאַרקערט, האָט איסר יודל „קראַץ מיר"
אויסגעשריגן:
ווער האָט דאָ פֿאַרשריבן: אַז דו ביסט דאָ דער אמת,
און איך בין דאָ דער ליגן, —
און אפֿשר גאָר פֿאַרקערט?
איז קראַץ מיר. קראַץ מיר היינט. קראַץ מיר מאָרגן. קראַץ מיר אייביק.
נעם צו דיין חלק
און גיי אַוועק.
דו זעסט,
האָט אַמאָל איסר יודל „קראַץ מיר" שטיל געזאָגט:
אַ פֿייגעלע אין נעסט,
אַפֿילו גאָט אין הימל, זאָלן אַלע וועלטן פּלאַצן:
אַלע, אַלע, שטערן, כמאַרעס, פֿייגל אין די הייכן קענען קראַצן איסר יודלען.

ווער האָט איסר יודלען „קראַץ מיר" אויף די וועגן ד אָ ר ט געפֿונען?.

ווהין איז ער אַנטרונען ?.
ווער האָט אים געפּאַקט ?
ווער האָט זיינע הענט און פיס צעהאַקט.
וויל אַריאל וויסן: צו האָט ער אין דער בלוטיקסטער מינוט
זיך אָפּגערוט
און געזאָגט די מערדער: קראַצט מיר.
אויב אַפילו משוגע, אויף די בלוטיקע ווענן גייט אַנטקעגן
זיין וואָרט: קראַצט מיר.

איסר יודל „קראַץ מיר" איז דערגאַנגען
צו דער שירה. אויך אַריין מיט ווײ און בלוט אין אַריאלס
געזאַנגען.
אין זיין ליד זענען פאַרבליבן די סימנים
פון איסר יודלס „קראַץ מיר׳ס" פנים.
איסר יודל שטייט נאָך היינט ביי אַריאלס פלויט
און בעט זיך מיט געבעט פון רחמים:
דערמאָן מיין לעבן, פאַרשרייב מיין טויט.

נג.

אין אַריאלס שטאָט האָט געוווינט אַ ייִד מיטן נאָמען: יעקל.
דער קאָפּ האָט זיך רעכטס און לינקס געוואַקלט.
ער אַליין — אַ פּעקל
פון ייִדישן סך הכל.
אָט איז יע, אָט איז נ י י ן, רעכטס און לינקס,
אַ קאָפּ, ווי פון טיפעניש פון אַ תהום,
האָבן זיך „יאָען" און „ניינען" געריסן ווי אַ שטראָם.

קיינמאָל ניט געוווּסט ווו איז יעקלס קאָפּ, אויף דער רעכטער זייט
צו אויף דער לינקער,
כּהרף־עין האָט די צייט
ביי יעקלען זיך געביטן.
אַט איז ווינטער, אַט איז זומער, אַט אַ פּלאַם,
און אַט אַ ים,
אַט אַ קעניג, אַט אַ קנעכט
און דוכטן דוכט זיך: יעקל איז גערעכט.
נישטאָ קיין אָנהויב, נישטאָ קיין סוף.
אַ ליד האָט ניט קיין גראַם. קיין סטראָף.
אַ ליד האָט ניט קיין גראַם. קיין סטראָף.
יעקלס לעבן איז געשפּאָלטן. צעהאַקט:
אַהער. אַהין.
דאָס לעבן האָט קיין זין
אויףביידע זייטן.
קען אָנקומען דער שחר. קען די זון פֿאַרגיין:
רעכטס — איז יעקלס שמחה, לינקס — איז זיין געוויין,
מעגלעך אויך פֿאַרקערט:
ווייל יעקל קען פֿאַרבייטן הימל אויף דער ערד.
יעקל — אַ סימבאָל.
יעקל איז באַרג. יעקל איז טאָל.
יעקל קען אַריבער
אַלע גריבער
און בלייבן לעבן.

טראַכט אַריאל: ווי איז יעקל געגאַנגען צו די גריבער?
וועלכע זייט פֿאַר זיין קאָפּ געווען איז ליבער —
די רעכטע, צו די לינקע?
אין וועלכער זייט האָבן די רוצחים געלייגט יעקלס קאָפּ?

ווי אַזוי איז ער אויף טויטע גרודעס איינגעשלאָפן:
אויף מזרח זייט, אויף דרום זייט, אויף מעריב־זייט, אויף צפון,
און אפשר ביים שוועל
פון טויט, איז יעקלס קאָפּ ניט געווען אַ קאַרוסעל
און גאָט האָט אויסגעגלייכט זיין מום
און די גרוב האָט אים אויפגענומען גלייך
און ניט ק ר ו ם.

טראַכט אַריאל: יעקל אין זיין וואַקל
דער סך־הכל
פון י ע נ ע וועגן.

נד.

פון אַלע ביימער דאָרט
האָבן טמא הענט תליות געשניצט.
געבליבן איז דאָס וואָרט
פון ייִד ג ל י י ב י ק.
קיינער האָט דעם בטחון אין השם יתברך
אָפּגעהאַקט. אייביק
גלייבט אַ ייִד אין נצח ישראל.
אַריאלס היכל
האָט זיך געוואַקלט אין ספק.
פאַרשניטן דעם שמייכל
פון קינדער, גיי גלייב אַז נצח ישראל האָט געהיט
די טריט
פון צאן קדושים.

גיי גלייב.

דער זכרון טראָגט דעם צלם
אויף די וועגן.
דער זכרון טראָגט דעם גולם
מיט דער האַק.
דער זכרון זעט דעם מהר״ל
אָן אַ מצבה.
אַפילו ז״ל
ניט אויפגעשריבן. נאָר שערבלעך אויף די וועגן,
און דער רעגן שווענקט די שערבלעך
און דערווינט דעקט אויף אַן אָרעם
מיט אַ נומער, —
ערגעץ דאָרט צאַפּלט זיך דער שופר: שברים,
תרועה, שברים,
און דער שטן האָט די פייערן געצונדן
און איז פאַרשוווּנדן
אויף אַ ווייל.

דער זכרון צאַפּלט זיך:
אויף אַ ווייל.

דער שטן איז אַ הפקרדיקער רייטער
און רייסט זיך ווייטער
צו די ייִדישע אותיות.

דער זכרון צאַפּלט זיך:
אויף אַ ווייל.
אַ מייל נאָך אַ מייל

אַנטלויפט דער זכרון.
און אַריאל קלייבט
רעשטלעך פון פאַרברענטע טעג.

נה.

נאָענטע געשטאַלטן. זיי קומען,
איינציקווייז. זיי שטייען ביי דער טיר.
יעדער איינער האָט גענומען
זיין פנים, און געקומען צו אַריאלס שיר.
איינער אַ שווערגופיגער, דער צווייטער — אַ פאַרדאַרטער,
אַ נאָכגיביגער, אַן איינגעשפּאַרטער,
אַ בייזער און אַ ווילדער,
אַ שטילער און אַ מילדער, —
זיי קומען אַן שווייגנדיקע: געדענקסט, אַריאל, געדענקסט,
דו בענקסט
נאָך אונדז. מיר זענען דאָ.
אין דיין בלויער, אין דיין גרויער שעה
מיר זענען געקומען מיט אונדזער פרייד און צער.
אָט שטייט דער חכם. אָט שטייט דער נאַר.
אָט דער, וואָס האָטביים „עין יעקב" שטענדיק געדרעמלט,
און דער וואָס האָט געצונדן אין הערצער אַ פלעמל.
זיי זענען דאָ. אין דיין פאַרטאָגיקער שלווה .אין דיין נאַכטיקן פחד, יחד,
אַריין אין דיין זכרון און גייען נישט אַוועק.

נאָענטע געשטאַלטן. גייסטער. גופים.
זיי רופן
אים. זיי טרעפן אים אויף אַלע וועגן.
אַ מחנה ייִדן, — מיט אַריאלן האָבן זיי זיך קיינמאָל נישט
געזעגנט.
אין די בגרות יאָרן האָבן זיי זיין וואָרט געצונדן.
קיינמאָל פון זיין שטח נישט פאַרשוווּנדן.
פרילינג. האַרבסט. זומער. ווינטער.
זיי זענען דאָ. ער אויף זייער שפּינדל אַ פאַרשפּינטער,
אַ פאָדעם
אין זייערע בגדים.
אַ פאַרזייער, אַ פּויער
אויף זייערע פעלדער,
אַ המשך, אַ בויער
פון זייער זיין, פון זייער חלום,
אַ המשך פון זייער פרייד. פון זייער טרויער.
אין זייער תחום — אַריאל ניי־געבוירן.

נישט פאַרפרוירן
איז דער קוואַל פון דעם זכרון.
נישט פאַרשוווּנדן — יענע יאָרן.
אין זייערע תהומען
אַריאלס פלוס. אַריאלס שטראָמען.
אויף זיין סידור מיט אַ טרער דער אמן
פון אַריאלס נאָענטע געשטאַלטן.

נו.

אַריאלס גאַנג אין דער אַלטער הײם, איז געװען אַ גאַנג
מיט חשבון: מיט זיך אַלײן,
מיט געזאַנג,
מיט גאָט אין האַרצן, מ׳מוז דערגײן.
אין גאַנג אַלײן איז דאָ מתיקות. אָבער דאָך:
נישט גענוג דער גאַנג. אין האַרצן בריט
אַ ציל.
און אַז עס פלאַמט אַ פײער, מוזן דײנע טריט
אָנקומען.
אָנקומען אַהין, קײן מזרח. אױפהײבן דעם בעכער: לחיים,
אין נײ־ירושלים, אין אַלט־ירושלים, —
און דער ענין ליגט אין דײנע הענט, אַריאל,
נישט בידי שמים.
דײנע טעג אין מדבר גײען פאַמעלעך, װי קעמלען אָנגעלאָדענע
מיט האַרבן,
מ׳דאַרף פון מדבר אַרױס. אַריאל װיל נישט זײן אַ קרבן.
אַזױפיל שאָטנס ליגן אױסגעשפּרײט אױף אַלע װעגן.
אַ שאָטן לױפט נאָך אַ שאָטן.
מ׳קען נישט און מ׳טאָר נישט לעבן אױפן שטנס בארָאטן.
אַ װילדער פײקלער האָט אַ פּױק אין האַנט גענומען
און ער פּױקט. דער מולך און דער בעל
װילן אױסמעקן דעם שדי פון דער יִדישער מזוזה.
די װעלט — אַ װאָקזאַל,
און דער פּױקער פּױקט,
די ערלים — אַפּלאָדירן.
מאָרגן קען מען אױף די װאָקזאַלן אַריאלן

פּאַרפּירן
צו מקומות פון דעם שטן.

אַריאל וויל נישט וואַרטן. די אַלטע היים איז ליב און טייער.
נאָר אַרום — עס ברענט אַ פייער.
אַלט ירושלים, ניי ירושלים רופט. אַריאל גייט.
ייִדישע טריט אַנטלויפן פון טויט.
שוין געווען אין ייִדישן לעבן אַ פרילינג
מיט אַ צווילינג:
די זון האָט געלויכטן,
דער שווחט האָט געשאָכטן.
די ווייזערס אויפן זייגער ווייזן: צוועלף.
מיט דיין רצון, מיט דיין ווילן
טאָר מען זיך ניט שפּילן.
אין די בלעטער פון היסטאָריע אַ געניטער
עס קלייבט זיך אויף הימל, ערד אַ שטורעם. אַ געוויטער.
אַריאל, גיי.
אַזאַ געשריי
האָט ער געהערט אַ מעת לעת נאָך אַ מעת לעת.
ס'איז געשען דער נס:
ניי ירושלים. אַלט ירושלים האָבן אויפגענומען אַריאלס טריט.

נז.

קינדער. יוגנט. אַ קוואַל.
אַ קוואַל פון טיפן.
יונגע קאַפּיטאַנען
אויף צעברויזטע שיפן.

ווער אַ שטיל־שטראָמיגער טייך.
ווער אַ כוואַליע אין ים.
ווער אַ צאַנקענדיק ליכטל,
ווער אַ פייער. אַ פלאַם.

ווער אַ ריטשקעלע שטיל,
ווער אַ טייכל וואָס פליסט.
ווער אַ וואַסערל — זויבער,
ווער אַ רעגן וואָס גיסט.

ווער אַ טרוימער, פאַרחלומט,
ווער אַ שוסטער. אַ טרעגער.
ווער פול מיט די תשובות,
ווער אַ ספקן. אַ פרעגער.

ווער מיט עמערס אויף אַקסלען,
ווער מיט געבויגענעם רוקן,
ווער מיט טראָט אויף דער ערד,
ווער אויף שטיינערנע ברוקן.

ווער צום וואָכיקן טיש,
ווער צו זאַפטיקער סעודה,
ווער אין היכל אַ מלך,
ווער אַ הונט אין דער בודע.

קינדער. יוגנט. אַ קוואַל
קעגן גאָט. קעגן מלך.
ווער הייליק אין אומעט,
ווער לוסטיק און פריילך.

אַריאל געדענקט:
ווער אין פלאַם, ווער אין פלאַקער,
ווער ביים אָפענעם ספר,
ווער ביים גראָב־אייזן, אַקער.

אַריאל געדענקט:
ווער ביים אַרבעס־געקעכץ,
ווער ביי פולקייט און כלים,
ווער ביים אָרעמען קרעכץ.

אַריאל געדענקט:
אַ וואָרצל, אַ בוים.
און ער אַ פאַרבענקטער
פאַרשטייט ניט זיין היים.

נח.

אַז אַ מענטש רעדט צו גאָט — רופט מען עס: רעליגיע.
אַז גאָט רעדט צום מענטש — רופט מען עס מיסטעריע.
אַ מאָל רייך, אַ מאָל אָרעם,
צווישן תקיעה און שברים,
צווישן מיסטעריע און רעליגיע האָט אַריאל געבויט און געשליפן
אין דער אַלטער היים.
צווישן נידער און הייכן,
צווישן שטערן און טיפן

האָט ער די גאַרבן געבראַכט צו זיין שייער.
טייער
איז אַריאלן געווען יעדער ייִדישער אות.
נישט דערפאַר ווייל ער האָט זיך געקליבן שרייבן לידער,
נאָר אויס דרך ארץ פאַר די תפילות אין דער מאַמעס קרבן־מינחה,
אין דעם טאַטנס סידור.

צווישן רעליגיע און מיסטעריע, ספק, וויי און בונד
האָט ער רונד
אַרום געפלאַנצט, געאַקערט און געזייט.
צווישן מחשבות וועגן תפיסה און פרייהייט, לעבן און טויט
האָט אַריאל זיין שאלה געפרעגט: פאַרוואָס?
געשליפן ווי מ'שלייפט אַ דימענט.
יעדער אות, —
אַ סימן
פון זיין ספק, וויי און בונד.

עד היום
שטייט ער מיט אַ כוס אין האַנט און טרינקט לחיים
פאַר מיסטעריע און רעליגיע.
די לידער — אָפן
פאַר סטראָפן
פון טויזנטער ספקות, אָן תשובות.
די שורות שטייגן צו הימלען און צו אַפּיקורסות.
אַ ריידעוודיקער. אַ שטומער.
(חברים זאָגן: אויך אין זיין אַפּיקורסות איז אַריאל
אַ פרומער).

פון יענע טעג, געדענקט אַריאל די העלקייט פון אַלע זונען,
און דעם ספק וואָס האָט אַריאלן געפונען
אויף אַלע סטעזשקעס פון זיין יוגנט.

ווער איר היינט אַריאלן פרעגן
וואָס איז זיין פאַרמעגן ?
איז דאָך קלאָר פאַר אַלע די וואָס קענען לייענען לידער :
זיין לייטער וואָס פירט פון הימל צו דעם נידער
און צוריק.

זיבן סטרונעס אויף אַ פידל
זיבן צערן אין אַריאלס לידל.

אַריאל האַלט אַ סמיטשיק אַ פאַרשעמטן,
שפּאַסן פידלען, שפּאַסן אַלע אינסטרומענטן.

אין די הענט פון האָלץ־העקער,
אין די הענט פון וואַסער טרעגער
הענגען אַלע פידלען
ווי נאָך דער אַרבעט פון אַ זעגער.

ווייס אַריאל שוין גענוג
אַז צעבראָכן ליגט דער קרוג.

אַז דער שוטה האָט ביים קלוגן
אויסגעטריקנט אַלע קרוגן.

ווייס אַריאל אַז י. ל. פּרץ
האָט געשריבן קלוגע זאַכן :
אימה פאַלט אויף היים און וועלט
ווען די מתים לאַכן. לאַכן.

אַריאל גייט צווישן מתים
צווישן בלוטיקע טליתים.
דער יוד פון ש ד י אָפּגעריבן
אויף דער מזוזה ש ד פאַרבליבן

וויל דער „יוד" אַריין צוריק
וויל ער אות נאָך אות פאַרגאַנצן,
פונדאָסניי אין קדושה־עיגול
גאָט און ייד זאָלן פריילעך טאַנצן.

פונדאָסניי שפּילט אויף כליזמרים
פאַרוואַרפט אַן אָרעם אויף אַן אָרעם.

קאַברינער כליזמר קומט אַהער
פּייקלט אויס אַריאלס טרער

מיט די פידלען, מיט טראָמפּייטן,
קומט און בעט די פידלער שפּילן.
פונדאָסניי אַריאל וויל
דעם טעם פון י ע נ ע ם ניגון פילן.

מיט אַ סמיטשיק אַ געניטן
שטייט אַריאל אינדערמיטן ;

הערט ער פידלען און טראָמפּייטן
הערט אַ ניגון פון אַ טויטן ;

טאַנצט ער אויס אָט יענע יאָרן, —
טאַנצן האָט די גרויסע מעלות,
אָן די קשיות, אָן די שאלות
מי׳טן פלאַקער אין התפּעלות.

בהעלותך — פיס געהויבן !
אין בטחון, אינ׳ם גלויבן
אינ׳ם גרויסן התלהבות
ווערן מצוות פון די תאוות...

אַז דער מאָרגנשטערן לאַכט,
איז אַן אמת, טאַטע זיסער,
אַז דער מת איז אַ געניסער?
און אויס נאַכט! אויס נאַכט! אויס נאַכט!

איז אַן אמת טאַטע זיסער
אַז דער מת האָט היינט געזאָגט:
ס'איז די נאַכט אַריין אין קבר
און עס טאָגט שוין און עס טאָגט?

זאָגט אַריאל קלוג און שטאַרק:
ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק
האָט דער בדחן אויפן שוועל
פלוצלינג געגעבן אַ באַפעל:

געטאַנצט זאָל ווערן, געטאַנצט.
ווער האָט אין אייך די שרעק פאַרפלאַנצט?
וואָס ציטערט איר פאַר מאָרגן־גרוי?
וואַשט די קעפ אין פרישן טוי,
באָדט אייך אין פרימאָרגן גלאַנץ
און טאַנצט אַריין דעם גרויסן טאַנץ
אין גרויסן טאָג.

אַריאל שטייט פאַרשוויגן
זיין שטעטל זינגט אין אים אַ ניגון.